STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01581

KOSHMAR

Pine Wald

Permanent preservation of this book was made possible
by Lawrence & Yvette Gralla
in honor of
the Glickenstein & Gralla Families

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. וואלד

קאשמאר

ארויסגעגעבן אין צענטן יאר נאָך די „יאנואר טעג״

בוענאס איירעס

1929

צום אנדענק

די אומגעקומענע

קאַשמאַר

קאַשמאַר

— 1919

דער מארש פון די רעוואלוציעס אין אייראפּע, מיט דער רוסישער „מאקסימאליסטישער" רעוואלוציע פאראויס, האט אויך אפּגעקלונגען דא אין ארגענטינע.

די ארבעטער באוועגונג האט אונטער די קלאנגען פון רעוואלוציאָנערן זיך אויפגעלעבט. די דערשלאגנדסטע פאריער אפילו האָבן דערוואכט, געשטרייקט און געזינגט. פון טאג צו טאג האָט זיך געהויבן דער מוט, געוואקסן דער ענטוזיאזם.

די בורזשואזיע האָט זיך דערשראקן, געמיינט עס קומט אויך איר סוף. א רויטער געשפּענסט האָט זיך געשטעלט פאר אירע אויגן. אין אלץ האָט זי געזען א מאקסימאליסטישע פארשווערונג. זי איז געווען זיכער אז ערגעץ פארבארגן זיצט דער מאקסימאליסטישער דיקטאַטאָר א צושויבערטער, וואס פארענדיקט דעם פּלאַן פון אויפשטאַנד...

* * *

די פּאליציי איז עקסטרע באוואפנט. די שטאט האָט אנגעהויבן אלץ מער פּאטרולירט צו ווערן פון רייטער - פּאליציי באוואפנט מיט ביקסן. די סאלדאטן זיינען פארהאלטן געווארן אין די קאזארמעס, ווי גרייטנדיק זיי צו א שלאכט.

פ. וואלד

זיבעטער יאנואר

דער סקוואדראָן האָט אפּגעפּייערט אף די שטרייקער פון וואסענאַס אייזנפאבריק. די שטיינער פון גאס זיינען באגאסן געווארן מיט מענטשן בלוט.

די צאל טויטע און פארוואונדעטע איז א אומבאשטימטע. די גאסן ארום דער פאבריק זיינען ארומגענומען מיט א באוואפנטן קאָרדאָן. צום ארט פון דער שחיטה קאָן מען נישט צוקומען, נאר פון די אומגעקומענע הויבט זיך אויף און טראגט זיך פאנאנדער א שטימונג, אין וועלכער עס מישט זיך טרויער און שרעק, נקמה און קאמף. די שטימונג טראגט זיך, קלאפּט אן אין יעדער שטוב, אין יעדענס הארץ. עס ווערט א אויפברוז, א סטיכיע.

אכטער יאנואר

די שטאט איז שטיל. די פאבריקן פארמאכט. די געשעפטן, געשלאסן, שטייען מיט אראפּגעלאזטע מעטאלענע פארהאנגען. די שווערע וועגענער, ווי די לייכטע קאטשן און אויטאמאבילן האָבן זיך ערגעץ פארשטעקט. די טראמ־ווייען לויפן צוריק צו זייערע סטאנציעס. דא און דארט הערט זיך נאר א בראזג פון גלאָז: דאָס זיינען צושפּרינגען שויפענסטער, וואס האָבן זיך חוצפּהדיק געררייצט מיט דער סטיכיע; דא און דארט ליגט אומגעקערט א טראמוויי מיט אויסגעבראכענע שויבן און איבערגעבראכענע שטאנגען; דא און דארט ברענט אן אויטאמאביל פון א פּריוואטן אייגענטימער, וועלכער האט געוואלט דורכשניידן די געדיכטע און פארפלאנטערטע רייען פון דער סטיכיע; דא און דארט טראגט זיך פארביי א אימפּראוויזירטע גאסן מאני־פעסטאציע מיט רויטע טיכער צוגעבונדענע צו האנט שטעקנס אדער פריש אפּגעבראכענע צווייגלאך פון גאסן בוימער. עס טראגן זיך אפּגעריסענע סטראפן פון רעוואלוציאנערע לידער, אויסרופן.

די הויך איז גרויס. די גאסן זיינען איבערפילט מיט מענטשן, גייענדיקע, האלב אויסגעטוענע, מיט די רעקלעך, הוטן און קעלנערס אין די הענט און עס שלאָגט פון זיי דער שוויים.

עם שטראמט א עולם צו ריוואדאוויא אפן קלאנג, אז דא וועט פאר־בייגיין די לויה. די גאס ווערט באלד אנגעפאקט. קאפע־מענטשן, וואס האבן דאכט זיך א גאנץ יאר קיין שייכות צו דער א ־עטער באוועגונג, כאטש זיי זיינען ארבעטער, גייען דא ארום מיט צופלאמטע פנימער און מיט פייער שפריצנדע אויגן. צווישן עולם מישן זיך אויס טיפן וואס קאכן זיך און רייצן צו גוואלד: ברענען, ברעכן, איבערפאלן, רויבן, הארגענען!.. עס ווארפן זיך דורך אין פארפלאנטערטע רייען פון דער מאסע פערזאנען, צושויבערטע, צוכראסקעטע, מיט אויפגעדעקטע הערצער, מיט שווערדן, אנ־דערע מיט ביקסן און אנדערע מיט טיילן פון ביקסן און האלבע שווערדן.

די מאסע ווערט אלץ אומגעדולדיקער אין דערווארטונג אף דער לויה.

פון א קווער גאס קומט ארויס א פאטרול פון עטליכע צענדליק פאלי־ציאנטן מיט ביקסן אף די אקסלען. דער פאטרול גייט, מיליטעריש, א קווארדע אף ריוואדאוויא און שטעלט זיך אפ, און שטעלט אראפ די ביקסן אף דער ערד. איבער דער צוהיצטער מאסע טראגט זיך דורך א ווינט... א פאר מינוט האלט אן א מוראדיקע שטילקייט, דערנאך הויבט זיך אן א ברומען און א צורוקן זיך צום פאטרול. באלד איז דער פאטרול ארומגענו־מען פון א געדיכטער מענטשן־וואנט און עס הערן זיך שטימען:

— חברים פאליציאנטן!

— אויף וועמען גייט איר שיסן?!

— דא זיינען אייערע ברידער, וועט איר זיי דערשיסן?!

— ניין!..

קיינער פון די פאליציאנטן האט דעם „ניין" נישט געזאגט מיטן מויל, נאר מיט די אויגן, מיטן זשעסט, מיט זייער צוריק ארויפנעמען די ביקסן אף די אקסלען און מיט זייער אויסקירעווען זיך אף צוריק.

— זאלן לעבן די חברים פאליציאנטן! הערן זיך אויסרופן. עס שטעלט זיך טרערן אין די אויגן פאר פרייד, אנדערע פאלן די פאליציאנטן אף די העלדזער און קושן זיי.

דער פאטרול איז אוועק. די לויה ווייזט זיך נאך נישט. עס צוטראגט

זיך א קלאנג אז מ'האט וואסענאס פאבריק אונטערגעצונדן... נאך א קלאנג צוטראגט זיך, אז מ'האָט די טויטע באהאלטן.

א גרופּע לאזט זיך אוועק געוואויר ווערן וואס עס האָט פּאסירט.

אין א ווײלע ארום ווענדן זיך אלעמענס אויגן צו דער ריכטונג פון וואנען עס דאַרף אנקומען די לויה, זי זעט זיך נאך נישט אבער עס הערט זיך שוין איר אנקום, ווי דער אנקום פון א מוראדיקער כוואליע.

די שטימונג ווערט א געפּרעססטע. האסטיקער הויבן אן שלאגן די הערצער.

עס באווײזט זיך די לויה. עס גייט א מענטשן שטראם — א כוואַ־ליענדיקער ים. מען גייט מיט שטילן איינגעהאלטענעם צארן. די לייכעס, איינע נאך דער אנדערער, ווערן געטראגן אף די אקסלען — א שטילער טרויער־מארש.

דער טרויער־מארש וואקסט, כוואליעט זיך איבער גאסן, צוטראגט א מוראדיקע שטימונג. ווען ער גייט פארבײ די קירכע אף קאררויענטעם און זשאַטאַי ברעכט אין איר אויס א פייער, אבער דער טרויער־מארש גייט ווייטער, זיינע שטילע טענער קאכן אלץ האסטיקער און בריען די באהאלטענע שומרים פון דער רעאקציע אף דער זייט טויער פון בית עולם...

נאכט. נישטאָ קיין באלייכטונג. די געשעפטן זיינען געבליבן פארמאכט מיט אראפּגעלאזטע מעטאלענע פאַרהאנגען. דער טראמוויי גייט נישט. טעאטערס שפּילן נישט. די גאנצע באוועגונג אין גאס איז ווי אפּגעשטארבן.

די גרעסטע טייל לאמטערן זיינען צובראכן. די עלעקטרי האָט זיך נישט אנגעצונדן —

— ווי מוראדיק זעט אויס בוענאָס איירעס אן באלייכטונג!

נײנטער יאנואר

גאנץ פרי. די זון גייט אויף א העלע אנצינדנדיק דעם מיטן זומער־דיקן טאג. מענטשן כוואליען זיך ארויס פון די הייזער אין גאס אריין. נישט

צו ארבעט, חלילה, נאר עפּעס געוואויר צו ווערן. אין שטוב קען מען נישט איינזיצן. עס גייען נישט ארויס די צייטונגען. דאס מאכט די לאגע נאך סודותדיקער — שטימונגס פולער. אין די גאסן גייען אום פון מויל צו מויל אלערליי קלאנגען, פרייליכע און שרעקליכע. קיין פּאליציאנט אין גאס זעט מען נישט. די פּאליציי איז ווי פארשוואונדן געווארן.

— וואס איז? וואס וועט זיין?...

די פראגעס בלייבן הענגען אף די פּנימער.

עס טראגט זיך דורך א קאמוניקאט פון דער סאציאליסטישער פּארטיי, וואס הייסט זיך שטעלן אונטער די דירעקטיוון פון דער פּאָראַ*) — די שטי־מונג ווערט ערנסטער.

צו מיטיק צייט באווייזן זיך ראָטעס סאלדאטן. אין פולער באוואפנונג. שטעלן זיך אפּ אין די גאסן. שטעלן צונויף זייערע ביקסן אין פּיראמידן־פּאר־מיקע גרופּעס. אבער די סאלדאטן און אפילו זייערע אפיצירן דריקן נישט אויס קיין בייז. זייערע פּנימער ווייזן זיך פרייליך. עס שטעלן זיך ארום זיי מאסן ציווילע און מען שמועסט מיט זיי פריינטלעך. עס מאכט גיכער דעם איינדרוק פון א פאראד, איידער דאס גרייטן זיך צו א שלאכט.

די אנפּירערשאפט פון אוואנגארד געפינט זיך, אויס פארזיכטיקייט, אין א פּריוואטן הויף אף בערמעכא. פון דא ווערן טורנעסווייז ארויסגע־שיקט חברים איבערן שטאָט נאָך נאטיצן. אזוי ארום שטייט מען אויך אין קאנטאקט מיטן צענטראל קאמיטעט פון דער סאציאליסטישער פּארטיי און מיטן צענטראל קאמיטעט פון דער פּאָראַ.

נאכמיטיק ווערט די לאגע אין גאס פון מינוט צו מינוט געפערלעכער.

אט קומען די ארויסגעשיקטע חברים און גיבן איבער, אז גענעראל דעליעפּיאנא איז דרינגענד גערופן געווארן איבערצונעמען די מיליטערישע קאמאנדע פאר דער דעפענסע; אז די גאנצע ארמיי פון קאמפּאָ מאָזשאָ געפינט זיך שוין אין שטאט און ווערט ראטעסווייז צושטעלט, פארנעמענ־דיק סטראטעגישע פּונקטן; זיי זיינען מיט פולער מלחמה באוואפנונג; אז

---

*) ארגענטינער ארבעטער פעדעראציע.

סקוואדראנען און אפטיילן קאוואלעריע לאזן זיך איבער די גאסן און צו־טרייבן אלעמען אין די הייזער אריין.

א פארל חברים קומט אן פון פלאסע קאנגרעסא. דארט איז געווען א מיטינג פון דער רעאקציע. עס איז געליינט געווארן א אויפרוף פון דער רעגירונג צו אלע „גוטע בירגער", זיי זאלן העלפן דער ארמיי און דער פאליציי „פארטיידיקן דאס לאנד"...

פון דעם מיטינג איז אוועק א מאניפעסטאציע מיט וואפן אין די הענט. אירע אנטיילנעמער שלאגן און דערשיסן, וועמען זיי טרעפן נאר אפן וועג.

איך גיי אין צענטראל קאמיטעט פון דער פארא. דער וועג איז געווען א זיג־זאגעדיקער, א קוריעזער און פיינלעכער. בין כסדר מיטגעצויגן געווארן מיטן מענטשן־שטראם, וואס איז מיר געלאפן אנטקעגן, זייענדיק געיאגט פון סקוואדראנען און קאוואלעריע.

פון דער פארא איז געווען גאר ווינציק געוואויר צו ווערן. די געשעענישן האבן אריבערגעיאגט די פירונג. נאטיצן פון לאנד זיינען נישט געקומען. קענטיג איבערגעהאקט געווארן די קאמוניקאציעס. פון שטאט זיינען אויך געווען קנאפ נאטיצן. דער קאמיטעט וועט ערשט אין א פאר שעה ארום האבן א זיצונג אף אנצונעמען באשטימונגען.

דער וועג צוריק איז געווען נאך פיינליכער. ער האט מיך דערמאנט אין א וועג צווישן פייער און טויט אין טאג פון באריקאדן קאמף אין לאדז אין יוני 1905. איצט האט מען נישט נאר געיאגט, נאר געשניטן מיט די שארפע שווערדן די געיאגטע און געשאסן אף זיי. דאס געלויף פון געשראקענע מענטשן, דאס גאלאפירן פון רייטער־מיליטער, די ווילדע געשרייען פון אנגרייף און די וויי־געשרייען פון די אנגעגריפענע, צוהאקטע און צובלוטיקטע, האט זיך אויסגעמישט אין א גרוילהאפטן קאשמאר.

נאך ווילדער זיינען געווען די מאניפעסטאציעס פון די „ניניאס ביען"**) וואס האבן זיך אנגעטראגן, זיי האבן אונטערן געשריי: „א טויט די אידן!" „א טויט די אויסלענדער, די מאקסימאליסטן!" ראפינירט, סא־

**) רייכע „קינדער".

דיסטיש, געפייניקט, ארגיעס דורכגעפירט. אט שטעלט מען אפ א איד און נאך די ערשטע קלעפ לאזט זיך אים א שטראם בלוט פון מויל, נאך דעם הייסט מען אים זינגען דעם נאציאנאלן הימן. ער קען דאס נישט, דער־שלאגט מען אים אפן ארט.

מען איז נישט איבערקלויבעריש. מען שלאגט און מען הארגעט וועמען מען טרעפט נאר. אט האט מען איינעם אנגעכאפט:

— שריי אז דו ביזט א מאקסימאליסט!

— איך בין דאס נישט, בעט ער זיך. אין א מינוט ארום ליגט ער אף דער ערד אין א לוזשע פון זיין אייגן בלוט.

אט האט מען ווידער איינעם אנגעכאפט:

— שריי, א טויט די מאקסימאליסטן!

ער בלייבט צוטומלט און באלד קארטשעט ער זיך אפן ברוק אונטער די לאקירטע שיך פון די „ניניאס ביען“ מיט די ווייס בלויע קנעפלעך אין לאץ.

שטייט בא א הויז טיר א אינגעלע, אוואדע זיך ארויסגעכאפט פון שטוב זען פארבייגיין דעם „פאראד“, קוקט נייגעריק. מאכט איין „ניניא“ צום צווייטן:

— א מאקסימאליסטל!..

דער צווייטער צילט אן זיין רעוואלווער צום אינגעלע, וואס פאלט און בלייבט ליגן אפן טראטואר. — בראווא, געטראפן!

איך וויים נישט דורך וועלכע ניסים, נאר איך בין אנגעקומען א גאנ־צער צום הויז אף בערמעכא. די הויז טיר טרעף איך פארמאכט. עס בליצט מיר דורך א געדאנק:

— ווער ווייסט וואס דא האט פאסירט?.. איך קלאפ דאך אן. עס עפנט זיך פארזיכטיק די טיר און אין דער עפנונג באווייזט זיך דאס פנים פון א חבר ווייס ווי קאלך און אפגעצערט... ערשט א פאר שעה און ווי געענדערט ער איז געווארן!... ער טוט מיך א צי אריין און פאלט מיר אפן האלדז....

— לעבסט!...

די קליינע גרופּע חברים האָב איך געטראָפן שווידערלעך ערנסט, שטום. די שכנים פון הויף, אין טויט־שרעק, גייען אַרום, ברעכן די הענט, האָבן מורא אַז זיי וועלן דורך אונדז אומקומען. דאָס שיסן אָפּן גאַס אויס־געמישט מיט ווילדע און וויי־געשרייען דערטראָגט זיך אין הויז אַריין אַלץ גערדיכטער, אומהויפּהערליכער. אָט הערט זיך דאָס אַנקומען פון אַ מאַניפעסטאַציע און ווידער איז געשען אַ נס: די מאַניפעסטאַציע איז פאַרביי און „אונדזער" הויף ניט פאַרטשעפּעט.

אין לאָקאַל פון אַוואַנגאַרד, וואָס איז געווען אויף עקוואַדאָר צווישן וואַלענטין גאַמעז און סאַרמיענטאָ, איז געווען די פאָן פון אַוואַנגאַרד, אויך די פאָן פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער גרופּע מיטן סימבאָל פון צונויפגעבונדענעם סערפּ און האַמער. דאָרט זיינען אויך געווען אַרכיוון און היסטאָרישע דאָקומענטן פון דער היגער אידישער אַרבעטער באַוועגונג און אַנדערע זאַכן, וואָס זיינען כדאי געווען אָפּצוראַטעווען. ס'איז באַ מיר קיין צווייפל נישט געווען, אַז דער לאָקאַל וועט פאַגראָמירט ווערן. באַ מיל־דערע אומשטאַנדן: אין מאַי 1910, איז דען די „ביבליאָטעקאַ רוסאַ" נישט פאַגראָמירט געוואָרן?

האָב איך אַ זאָג געטון:

— איך גיי צו אין לאָקאַל. אַ קוק טון. אויב כ'וועל זיך באַלד נישט אומקערן, קלערט גאַרנישט איבער. מאָרגן גאַנץ פרי זעען מיר זיך.

צום לאָקאַל איז שוין נישט מעגליך געווען צוצוקומען. קעגן איבער אים שטייט אַ דאָפּלטע שערענגע רייטער פּאָליציי מיט די ביקסן גרייט צום שיסן. אין דער מיט גאַס, צווישן די שערענגעס רייטער פּאָליציי און דעם לאָקאַל, וועמענס פענצטער עס קוקן אַרויס צום גאַס, ברענט אַ גרויס פייער און אינם פייער פליען אַריין די זאַכן, וואָס ווערן אַרויסגעוואָרפן דורך די פענצטער.

איך האָב דורכגעקרייצט עקוואַדאָר, בין אַריין אין הויז אויף וואַלענטין גאַמעז נעבן עקוואַדאָר, וואו עס האָט געוואוינט ל. מאַס און יאָסל קאָן. כ'האָב זיי געטראָפן אָפן דאַך. כ'האָב זיי אָנגעהויבן צו דער־ציילן וואָס איך האָב נאָר וואָס געזען, דערטראָגט זיך פון גאַס דאָס קלאַפּן

פון פערדישע פאַטקאָוועס און אַ געוויין. עס ציט געבן אַ קוק און מיר זעען אַזאַ בילד:

רייטן צוויי פּאָליציאַנטן מיט די ביקסן אין די הענט. צו אַ פערד פון איינעם איז מיט אַ לאַנגן שטריק צוגעבונדן אַ איד, וועלכער שלעפּט זיך נאָך אָפן ברוק, איבערלאָזנדיק אַ ברייטן רויטן סליאַד אויף די שטיינער. עס הערן זיך זיינע לעצטע אָפּשטאַרבענדע קרעכצן.

די נאַכט רוקט זיך אָן. אין דער טונקלקייט זעט זיך איבער עקוואַדאָר דער רויטער אָפּשיין פון פייער...

די פרויען רופן אַראָפּ אויף טיי. מיר גייען פּלאָפּלענדיק פון די געשעענישן.

די טיי בלייבט שטעקן אין האַלדז: עס טרינקט זיך נישט. איך טראַכט:

— אומקערן זיך אויף בערמעבאָ מעלדן די חברים וועגן פייער? ניין. עס קאָן מער שאַדן ווי נוצן. דאָס אויג פון אַ שפּיאָן קען זיך נאַכציען.

— וואָס זיצט איר אַזוי פאַרטראַכט? רופט זיך אָפּ דאָראַ. זאָל אייך נאָר נישט איינפאַלן איצט אַרויסגיין אין גאַס, דאָס וואָלט געווען אַ משוגעת. איר וועט דאָ נעכטיקן.

איך פיל אָבער אַז איך וועל דאָ נישט קאָנען איינזיצן און וויבאַלד גיין איז בעסער וואָס פריער, שוין.

— ניין. איך מוז גיין.

— עקשן!..

איך געזעגן זיך און גיב זיך איבער דעם צופאַל.

אַ געדיכטע נאַכט. די גאַסן־לאָמפּן הענגען צעבראָכענע, פינצטערע. אַלץ איז פאַרמאַכט, פאַרהאַקט. עס אָטעמט זיך האַסטיק און שווער. די לופט איז אָנגעפּילט מיט פּולווער און גרויל. דאָס שיסן הערט זיך אָן אויפהער. ווילדע קולות, געוויין און קרעכצן טראָגט זיך פון אַלע זייטן.

עס האָט מיר אָפּגעגליקט: איך בין אָנגעקומען צו ראָזע וויינשטיין, וואָס האָט געוואוינט מיט דער פאַמיליע פּאָגעל אויף דער אַנדערער זייט קאַזשאַאַ.

דאס שיסן האָט אנגעהאלטן ביז נאָך האלבער נאכט. מאמענטנווייז האָט אזוי געקראכט ווי מ׳וואלט געשאסן פון שווערע הארמאטן. דאס הויז האָט געציטערט.

צענטער יאנואר

קוים איבערגעקומען די קאָשמאַר נאכט.

אין דער פרי לאָז איך זיך אין גאס אריין. עס באגלייט מיך ראזע ווײַנשטיין.

דער טאג, א זומערדיקער, אטעמט מיט ריח פון פולווער און בלוט. די גאסן זיינען שטיל — א שטילקייט וואס ווערט נאָר איבערגעריסן דורך דאס פארבײַ גאלאָפּירן פון קאוואלעריע מיט לאנגע שפּיזן און רייטער פּאָליציי. עס הערט זיך אויך גאנץ אָפט דאס גלעקל פון דער „שנעלער הילף״. פון צייט צו צייט ווערט די שטילקייט אויך איבערגעבראכן פון א שיסן, ווען מען טראגט זיך פון ערגעץ, און מאכט דעם אײַנדרוק ווי מען וואלט אויסגעשאסן די געבליבענע קוילן פון נאָך דער באנאכטיקער באמבארדירונג.

דער ברוק אף קאָריענטעס איז צענומען, גריבערדיק. האלצערנע קלעצלעך און מיסט איז צושאָטן איבער דער גאנצער ברייט פון דער גאס. מענטשן גיין ווייניק. עס הילכן אַפּ זייערע טריט.

מיר האבן זיך פארקירעוועט אף עקוואדאָר צום „אוואנגארד״.

אף דער גאס נעבן די פענצטער איז נאָך געליגן א קופּע שווארצער אש פון פארברענטע זאכן. מיר זיינען אריין אין הויז, אין לאָקאל. מער ווי די נאקעטע ווענט איז אין אים ניט געבליבן. אין דער טיף פון הויף איז געזעסן די באלעבאסטע, אירע טעכטער און מאשעוויטש מיט זיי. מיר זיינען צוגעגאנגען און געהערט ווי די באלעבאסטע, מיט טרערן אין די אויגן, דערציילט:

— איך האָב געמיינט, אז איך ווער משוגע:

מיט א מאל רייסט זיך אויף די טיר און עס רייסן זיך אריין די ווייסע גווארדייצעס, באלײדיקן, סטראשען מיט טויט. די טאכטער פאלט אין חלשות. מיר ווערט פינצטער אין די אויגן און ווען איך בין געקומען צו זיך, איז אין אייער לאקאל שוין אלץ געווען צובראכן, צוריסן, פארברענט. ווען די הארדע איז אוועק האט זי מיטגענומען צוויי רויטע פאנען.

מיר האבן זיך געזעגנט מיט דער געליטענער באלעבאסטע און א פרעג טוענדיק מאשעוויטשן צו ער דענקט דא צו בלייבן, געבנדיק אים אנצו־הערן אז דאס פלאץ איז ניט זיכער, זיינען מיר אוועק.

מאשעוויטש איז געבליבן אף נאך א פאר מינוט. אויס פארזיכטיקייט איז בעסער געווען נישט ארויסצוגיין צוזאמען.

אז מיר זיינען ארויס, האבן מיר דאכט זיך קיינעם נישט באמערקט. מיר נעמען זיך צו קאריענטעס צו, געוואלט גיין אף בערמעכא געוואויר צו ווערן וואס עס הערט זיך דארט, אז מיר דערהערן הינטער אונדז א באפעל:

— גיין גלייך!

דאס איז געווען א מיליטערישער אפיציר, וועלכער איז געגאנגען צוויי שפאן הינטער אונדז, קלאפנדיק מיטן שפיץ פון זיין לאנגער שווערד אף די שטיינער פון טרעטואר.

מיר זיינען ארעסטירט.

אף קאריענטעס און פועירעדאן איז געשטאנען א גרויסער פאטרול אינפאנטעריע. אין פראנט פונם פאטרול איז געשטאנען א אפיציר מיט א גרופע ווייס גווארדייצעס. מיר זיינען איבערגעגעבן געווארן צום דאזיקן אפיציר, וועלכער האט זיך א ווײַלע געשושקעט מיט דעם אנדערן.

באלד האט ער אריינגעשטעקט די האנט אין מיין קעשענע און ארויס־גענומען מיינע קארנעטן פון דער „פרעסע" און פון זשורנאל „אוואנגארד", אויך מיין ארגענטינער בירגער ביכל.

— וואזשנע דאקומענטן!.. האט ער א זאג געטון. ער האט צוגערופן דריי סאלדאטן, צום עלצטן פון זיי איבערגעגעבן די דאקומענטן, עפעס אים געזאגט, און מיר זיינען אפגעפירט געווארן אין דער זיבעטער קאמיסעריע.

דער קאמיסאר וועלכער איז געשטאנען אין טויער האָט אונדז איבער־גענומען און אונדז אריינגעפירט אין קאנצעלאריע.

דער הויף פון דער קאמיסאריע האט אויסגעוויזן אי יומטובדיק אי שרעקלעך:

אריסטאקראטישע יונגעלייט, פארפוצטע, פערפומירטע, מיט ווייס־בלוי בענדלעך אף די לאצן, מיט מאנוקירטע פינגער, מיט ציגישע פייער־לעך אין די אויגן, זיינען געשטאנען און עפּעס פארוואונדערטע געקוקט, וואס דער קאמיסאר אליין באשעפטיקט זיך מיט אונדז. טיפער אין הויף האָט געווימלט מיט שיקערע פאליציאנטן, פערד, עס האָט געשלאגן פון דארט א גערוך פון שוויים, בלוט און פערדן מיסט. דער הויף איז פול געווען מיט געזוער, און פון די קאמערן האט זיך געטראגן א קרעכצן און געשרייען פון די ארעסטירטע, צושלאגענע און צוקאליעטשעטע.

אין קאנצעלאריע האָט מען אונדז באזוכט, פארשריבן אין די ביכער, דערנאך האָט מען אונדז אריינגעפירט אין א קליינער אויסצעמענטירטער, באזונדערער קאמער און פארריגלט די שווערע טיר פון דרויסן.

אינווייניק, פארשלאסן, רוף איך זיך אָן צו ראזען:

— עפּעס פארשטיי איך ניט די אויסנאמלעכע באנעמונג צו אונדז... עפּעס איז דער ארעסט צוגעגאנגען אזוי שטיל, אזוי קארעקט, כמעט העפ־לעך... עס איז עפּעס גארנישט אין אנקלאנג מיטן היינטיקן אופן פון ארעס־טירן, וועלכער איז נישט קיין „טרוקענער“... אפילו אין א נארמאלע צייט איז דער ארעסט אויך נישט אזא העפלעכער, סיידן עס האנדלט זיך פון א גרויסע אלגעמיין באקאנטער פערזענליכקייט. אפשר איז דאס איבער אייך?...

— זיכער!.. די ארגענטינער זיינען קאוואליערן, זיי וועלן נישט שלעכט באהאנדלען א מאן אין באגלייטונג פון א דאמע... האָט ראזע געזאגט שפּאסנדיק.

— מיט וואס פאר א גיריקייט די ווייסע גווארדייצעס האָבן אונדז באקוקט און דאך געהאלטן די הענט בא זיך... איך וועל אייך זאגן דעם אמת: עס גליסט זיך אוואדע נישט ווערן באליידיקט, אבער עס זיינען פאראן מאמענטן ווען עס ארט, עס קרענקט פּשוט פארוואס מען ווערט אנדערש

באהאנדלט פון אנדערע... אין אזוינע מאמענטן איז דאס נישט ווערן באַ־לײדיקט א באַלײדיקונג און א פּראוואָקאַציע. חברים, געפּײניקטע קענען נאכטראכטן ווער ווייסט וואס, איך וואג דעם געדאנק אפילו נישט פאר די ליפּן צו ברענגען, און זיי קענען האבן א רעכט נאכצוטראכטן...

— איך גלויב, אז מיר וועלן דאך נישט גיין פּראטעסטירן פארוואס מען האָט אונדז איידל באהאנדלט...

און אזוי שמועסנדיק באקוקן מיר אונדזער „דירה": די קאמער האלט א דריי מעטער די טיף, אף א צוויי מעטער די ברייט, זי איז אבער זייער הויך און דאס גיט איר דעם אויסזעען פון א קוימען.

גרויע, ברודיקע צעמענטירטע ווענט, פּאדלאגע און סופיט. א שווערע, שווארצע, זייער הויכע און פארשלאסענע טיר מיט קורצע, געדיכטע, אײ־זערנע גראטעס איבער איר, דורך וועלכע עס זיפּט זיך קוים דורך א מאטער שיין פון טאג — איז אלץ וואס דאס אויג האָט צו באמערקן אין דער פּוס־טער קאמער.

מיר זעצן זיך אנידער אף דער פּאדלאגע, דערציילן זיך איינדריקן פון די פארגאנגענע טעג. אונדזערע דערציילונגען ווערן אבער יעדער מאל איבערגעשלאגן פון א גערודער וואס טראגט זיך פון הויף; פון קלעפּ און וויי־געשרייען, פון וואס ראזע ווערט אויפגעציטערט, בלייך און ברעכט זיך די הענט.

די צייט האָט זיך אנגעהויבן צו ציען ווי פּעך. אונדזער זייגער איז דער טאג וואס קוקט אריין דורך די גראטעס, און דער טאג דויערט אזוי לאנג... אן א סוף.

עס הויבט עפּעס אן צופּן באם הארץ... מיר האָבן נאָך היינט גארנישט געגעסן, גארנישט געטרינקען. איך האב נעכטן אויך כמעט גארנישט געגעסן. מען איז אויך נישט אויסגעשלאפן און דא ווערט מען אלץ אומ־רויקער טראכטנדיק וועגן דעם גורל פון אנדערע: ווער ווייסט וואס עס האָט פּאסירט מיט די חברים? מיר זיינען אפּגעריסן און פארשלאסן פון אלץ. און אונדזערע נאענטע: ווי זיי וועלן דאס ליידן, ניט ווייסנדיק וואס מיט אונדז האָט פּאסירט.

עס הערן זיך טריט. עס ריגלט זיך. די שווערע טיר עפנט זיך, אין איר באווייזט זיך דער קאמיסאר מיט צוויי העברע מיליטער באאמטע און נאך צוויי געזעצטע מענער אין ציוויל קליידונג. זיי באטראכטן אונדז א ווײַלע און גייען אוועק. די טיר פאררינגלט זיך.

אונדזער שווארצע טיר הויבט אן. אלע אפטער זיך צו עפנען און פאר־מאכן. מען קומט אונדז אנקוקן. וואס זאל דאס באדייטן...?

ראָזע ווערט אלע אומרויקער. זי האָט געבעטן מעלדן טעלעפאָניש דעם ברודער וועגן איר זיין דאָ, האָט מען אפגעזאגט; זי האָט געבעטן א טרונק וואסער, האט דער אפיציאל געענטפערט ציניש:

— אין ים!...

אין קאמער ווערט טונקעלער. עס הויבט זיך אָן פינצטערן.

דער טאג איז געווען א לאנגער, א פײַנליכער, אבער דאך טאג. אין אונדזער צעמענטענער קאמער האָבן מיר געהאט א האלבן מעטער מאטן אפשיין פון טאג, דורך די גראטעס, פון איבער דער הויכער, שווארצער טיר, אבער דאך עפּעס א אנצוהערעניש פון טאג.

איצט זיצן מיר אין דער פינצטער. די נאכט הויבט זיך דא אן פריער ווי אין דרויסן. ערשט ווען אין קאמער איז די פינצטערניש שוין גאר געדיכט צינד זיך אפן הויף אן א לאמפ, וועמענס טונקעלער אפשיין עס קומט אין קאמער אריין דורך די גראטעס און שטעלט זיך אפ אף דער אויבערשטער טייל פון דער לינקער וואנט.

מיר זיינען שוין צוגעוואוינט געווארן צו די כסדרדיקע טומלען, קלעפּ און ווײַ געשרייען, וואס האָבן זיך געטראגן פון הויף יעדעס מאל ווען מ'האט געברענגט א נייע פארטיע אדער איינציקע ארעסטירטע, נאר איצט דערטראגט זיך צו אונדז אין קאמער דער אפקלאנג פון עמיצנס א רעדע, וואס ווערט אונטערגעבראכען מיט אויסגעשרייען:

— ארויס! א טויט! זאל לעבן!..

און נאכדעם ווערט שטיל. און אין דער נאכטיקער שטילקייט הערט זיך נאר פון צייט צו צייט דאס קרעכצן און אויען פון זייטיקע און אנטקעגנ־איבערדיקע קאמערן.

עס הערן זיך שווערע טריט. עס ריגלט זיך און דער סקריפּ פונם ריגל גיט עפּעס אזא ריס באם הארץ. די טיר עפנט זיך אביסל נאר. אין איר שפּאלט באווייזט זיך א פּאליציאַנט מיט א פּעקעלע —

— ראזע וויינשטיין — רופט ער אוים מיט א פארטרונקן קול — אָט איז עסן, פון ברודער.

ס'איז געווען א גלאז מיט עפּל קאמפּאט, עטלעכע אייער און א ברויט.

עס האט זיך נית געגעסן. מיר זיינען אבער שוין צופרידן געווען דערמיט וואס די נאענטע ווייסן כאטש פון אונדז.

דער מין וויזיטאַנטן פון באטאג, אונדז צו באקוקן, זיינען מער נישט געקומען. מיר האבן נאר געהאט פאר די אויגן אונדזערע אייגענע שאטנס אויף די ווענט פון אונדזער שווארצן קבר.

לאנג האבן זיך געצויגן די שעהן פון באטאג, אומענדלעך לענגער האבן זיי זיך געצויגן באנאכט. באטאג האבן מיר כאטש געהערט דעם כסדר־דיקן ריגל און סקריפּ פון דער שווערער טיר. איצט איז די טיר ווי איינ־געפרוירן געווארן און קוקט אויף אונדז שטום מיט איר קאלטער שווארצ־קייט. אלץ האט זיך צוזאמענגעגאסן אין איין שטיק פיינלעכער שווארצקייט.

אין מיטן נאכט האט מען מיך אליין נאר ארויסגערופן אין קאנצע־לאריע, ווידעראמאל פארשריבן מיין נאמען און מיר אפּגעגעבן די זאכן, וואס מ'האט בא מיר געהאט ארויסגענומען פון די קעשענעס, חוץ א קליין פען־מעסערל.

— איר מעגט זיך צוגרייטן — זאגט מיר דער פּאליציאַנט פארן פאר־מאכן די קאמער טיר...

— און איך? האָט ראזע א פרעג געטון.

— איר בלייבט דאָ, האָט ער געענטפערט קורץ און פארשלאסן פון דרויסן די טיר.

איך בלייב זיצן אויף דער הארטער צעמענטענער פּאדלאגע מיט די אויגן איינגעגראבן אין דער שווארצער טיר. דאס הארץ האָט אנגעהויבן האסטיקער קלאפּן. ס'האָט זיך מיר אלץ אויסגעוויזן, אז אָט עפנט זיך די

טיר און מען רופט מיך אוועק. און ראזע וועט בלייבן אליין, באנאכט אין דעם פינצטערן קבר, שוצלאז קעגן פארדארבענע אפיציאלן און שיקערע פאליציאנטן... נאר די טיר האָט זיך נישט געעפנט.

עלפטער יאנואר

דורך די גראטעס פון איבער דער הויכער שווארצער טיר האָט זיך אנגעהויבן ווייזן די באגינען בלויקייט, וואס האט אביסל געטרייסט. דער טאג איז דאך נישט אזוי שרעקלעך ווי די נאכט.

פארטאג האב איך אנגעקלאפט אין טיר און געבעטן אפן הויף, ס'איז געקומען א פאליציאנט און מיך באגלייט.

אפן הויף האָט זיך געפילט די פארטאג פרישקייט אויסגעמישט מיט א שווערן מענטשישן גערוך. די פאליציאנטן שטייען אויף פון זייערע הויף געלעגערס, ארום וועלכע עס שטייען קופעס ביקסן. פון צוויי גרויסע שטאלן מיט טויערן פון אייזערנע גראטעס האט זיך ארויסגעזען זייער אנגע־פאקטקייט מיט ארעסטאנטן, צעבלוטיקטע, צעשלאגענע, האלב נאקעטע און פארשמירטע.

שפעטער איז מען געקומען און מ'האָט מיך אוועקגערופן.

ראזע איז געבליבן א פארציטערטע, א בלייכע, די אויגן האבן זיך איר אנגעפילט מיט טרערן.

— זייט מונטער, ראזע! צום ווידערזעען...

דער פאדערשטער הויף פון דער קאמיסאריע איז געווען איבערגעפאקט פון אויסגעמאטערטע, פארשמירטע, צעשלאגענע און פארבלוטיקטע ארעס־טאנטן — פון איין זייט, און רייען מיט ביקסן באוואפנטע, בייזבליקנדע פאליציאנטן — אף דער צווייטער זייט. אינמיטן איז נאר געבליבן א שמאלע סטעזשקע, דורך וועלכער מען האָט מיך ארויסגעפירט אף דער גאס.

אף דער גאס איז שוין צוגעגרייט א קאמיאָן — אזא לאנגער, ברייטער, פיר־קאנטיקער וואגן מיט א מאָטאָר פון וועלכן עס האָט געזעצט א נאפט־דאמף. אף דעם מיט אייזנבאשלאגענעם קאסטן און אנגעליטן פון דער יאנואר זון האָט מען מיך מיט נאך א צוואנציק ארעסטירטע אויפגעזעצט אין צוויי רייען, צוזאמענגעפרעסט פלייצע צו פלייצע און אקסל צו אקסל. באמבעראס*) פון וועלכע עס האט זיך געגאסן א שוויים, האבן זיך פלייסיק פארנומען מיט דער אַרבעט אונדז צוזאמענצובינדן מיט איינער א גראבער שטייפער שטריק.

דאס פנים האט מיר אנגעהויבן פלאמען נישט אזוי פון אנגעגליטן אייזערנעם קאמיאָן; נישט אזוי פון דער ווייטיק פון דער שטריק, וואס האט זיך איינגעביסן אין לייב און פון וואס עס זיינען אויפגעלאפן די הענט, ווי פון דער באליידיקונג.

עס האָט דאך פשוט אויסגעזען ווי מען פירט אונדז ווי צונויפגעבונ־דענע קעלבער צו דער שחיטה.

— פארטיק! — האט עמיץ א קאמאנדיר געטון. צען באמבעראס מיט ביקסן האבן זיך ארומגעזעצט אף די ראנדן פון קאמיאָן און דער אפיציר, וואס האט זיך געזעצט באם מאטארמאן האט א באפעל געטון:

— די היטלען אראפ!

דער שווערער מאָטאָר האָט זיך צוסאפעט, אריסגעטון דעם קאמיאָן פון ארט און מיר, מיט די בלויזע קעפ אונטער די גליענדע שטראלן פון דער פייערדיקער זון, צונויפגעבונדענע ווי שעפסן צו דער שחיטה און ארומגענומען מיט ביקסן און בייז בליקיקע באמבעראס, זיינען אוועקגע־טראגן געווארן איבער פועירעדאָן.

ווינציק מענטשן זיינען געווען אין גאס. די וועלכע זיינען געווען, זיינען ווי דורכגעפלויגן מיט צושראקענע פנימער און מורא געהאט אף אונדז א בליק צוווארפן.

---

*) פייערלעשער וואס ווערן אויך גענוצט פאר פאליציי.

באם טויער פון פאליציי דעפארטאמענט האָט זיך אונדזער קאמיאָן אפגעשטעלט. מען האט אונדז פאנאנדערגעבונדן, אונדז אויסגעשטעלט אין א שערענגע צווישן צוויי ווענט פון ביקסן און פאליציאנטן. מיר זיינען אריין אין קארידאר פון „ארדען סאציאל".

דער הויף פון פאליציי דעפארטאמענט האָט אויסגעזעען ווי א גע־נעראל שטאב אף א שלאכטפעלד: אינפאנטעריע, קאדעטן, באָמבעראָס, פאליציאנטן, ארום און ארום — אלע אין פולער באוואפנונג. קופעסווייז שטייען אפיצירן, קאפיטאנען און שעפן פון אלערליי מיליטערישער אוני־פארם און פאליצייאישער און ווייסע גווארדייצעס צווישן זיי. שפיאנען — אף יעדן טריט.

מאסן ארעסטירטע שטייען, אונטער א מיליטערישער קאמאנדע, בלייכע, צעבלוטיקטע, פארשמירטע, מיט קליידער צעריסענע, טייל גאר אן קליידער — זיי האָט מען באנאכט געשלעפט פון די בעטן — טייל מיט באנדאזשירטע קעפ, אנדערע מיט אפענע וואונדן און שווארץ פארטרוקנט בלוט ארום זיי; בא אנדערע זיינען די אויגן ארויסגעשלאגן, די פנימער צובאלט, די צוריסענע קליידער אויסגעשמירט פון בלוט און בלאטע — פון וועלכער שלאכט האָט מען זיי אהער צוזאמענגעטריבן?...

אפילו די פאלמען פון הויף האבן איצט אויסגעזעען ווי סלופעס ארומגעשטעקטע מיט גרינע שווערדן. וואו מען האט געווארפן א בליק האט מען זיך אנגעשלאגן אף וואפן.

סאלדאטן, באָמבעראָס און פאליציאנטן מיט ברוינע צופלאמטע פנימער און שפיציקע אויגן קומען אן ווי פון א אטאקע, און אנדערע, אין מארש, גייען אוועק ווי צו א אטאקע.

די ארעסטאנטן מאסע אין „פלאנטאָן" (דאס איז אזא דיסציפלינאר פאזע פון אבסאלוטער אומבאוועגליכקייט), האָט מיט אומבאשרייבליכער געדולד איבערגעטראגן די קלעפ, וואס האבן זיך געשאטן אף זיי פון די יונקערס און די „ניניאס ביען", זיי האבן סאדיסטיש געשלאגן, ווייל מען איז געשטאנען און ווייל מען איז געזעסן; ווייל מען האָט זיך באוועגט און ווייל מען האָט זיך נישט באוועגט...

איך ווייס נישט ווי אזוי, נאר מיר איז אויסגעקומען צו גיין אין פראנט פון די ארעסטאנטן, וועלכע מ'האָט געברענגט פון דער זיבעטער קאמיסא־ריע. ס'איז שוין באַ מיר ניט געבליבן קיין צווייפל, אז איך וועל דא דורכ־גיין דעם גיהנום. כ'האָב אנגעהויבן פילן עפּעס אזא אויסטערלישן נייגיר... פילן אַף מיין אייגענעם לייב א מארטירעלאגיע. ס'איז אין מיר אויפגעגאנ־גען א חשק צו וויסן און פילן וויפיל פיין א מענטש קאָן אויסהאלטן; וויפיל מענטשן קאנען פייניקן מענטשן.

איך בין געשטאנען מיטן פּנים צו א טיר וואו אהין מ'האָט ארייג־געפירט איינעם פון מיין מארטירער רייע. האָב געזעען ווי מ'האָט אים מערדעריש געשלאגן. ער איז אומגעפאלן, האָט מען אים באַ די האר אויפ־געשטעלט און ווייטער געשלאָגן — דאס איז געווען איינער א הויכער, א דארער, א בלאנדער מיט א רוסישן פּנים.

אין די אויערן זשומען אלערליי שפּראכן, פראזן און ווערטער: פון סאלדאטן, רויבער, מערדער, קאבארעטס „ניניאס", רופיאנעס, משוגעים, שכורים, נאר יעדער ווילע רייסט זיך דורך אין דאזיקן שפּראכן קאשמאר א פראזע:

— פּרעזידענט פון דער מאקסימאליסטישער רעפּובליק אין ארגענ־טינע...

— סאוועטישער דיקטאטאר פון זיד אמעריקע...

טראכט איך: וואס זאל האָבן געשעען?...

— אייער נאמען? שלאגט מיר איבער איינער מיט שווארצע שפּיצי־קע וואנצעס און שפּיציקע אויגן.

איך זאג מיין נאמען.

— א רוסא, ע? טוט ער א ברום אריין אין מיין ארגענטינער בירגער ביכל.

— ניין. א איד, א נאטוראליזירטער ארגענטינער.

— „א ר ג ע נ ט י נ ע ר!"

איך ווער אריינגעפירט אין א קאמער.

— ער גייט!

— פארוואס האָט מען אים נישט געלינטשט!

— פארוואס האָט מען אים געברענגט א לעבעדיקן!

באם איבערטרעטן די שוועל האָט פון הינטן עמיץ אויסגעפּריווט זיין כח איבער מיין קאפּ... עס האָט עפּעס א ברי געטון, בין א ביסל ווי פארטשאדעט געווארן.

די קאמער אין וועלכער מ'האָט מיך אריינגעפירט איז שוין געווען אנגעפּאקט מיט יונקערס, „ניניאס" און שפּיאנען.

דער דאזיקער עולם האָט מיך אפּגעמאסטן מיט צינישע אויגן און זיך געווערטלט:

— פריער אפּשניידן די אויערן אָדער פריער אויסשניידן די צונג?...

— ניין. צוערשט אויסרייסן זשמענעסווייז זיינע לאקן.

— בעסער עפּנען דעם שארבן און זעען די געהירן פון א מאקסי־מאליסטישן פּרעזידענט.

איך האָב א שמייכל געטון.

דער עולם האָט זיך דורכגעבליקט און זיך אנגעהויבן באוועגן...

— איצט נישט! איצט נאך נישט! איז אנגעלאפן דער טורניסט.

ער איז אריין אין דער נעבן־קאמער, פון וואנען ער איז באלד צוריק־געקומען און מיך אהין אריינגעפירט —

דאס איז געווען א רייכער קאבינעט.

מ'האָט פארשלאסן די טירן. מיר אנגעוויזן א שטול און געהייסן מיך זעצן.

עס שטעלן זיך ארום מיר א מאן צען. איינער פון זיי, א אפיציר מיטן בלאנקן רעוואלווער אין האנט, זעצט זיך אנטקעגן מיר און זאגט:

— זייט זיך מודה!

— איך האָב נישט וואס מודה צו זיין!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אז די עקזעקוציע האט זיך געענדיקט איז מיר דאס רעכטע אויג געווען פארמאכט און מיטן לינקן אויג האָב איך געזעען ווי דער טעפּיך איז פארגאסן געווען מיט בלוט, וואס פליסט נאך מיר פון נאז און מויל.

— פארהאלט דאס בלוט! דער גאנצער קאבינעט וועט דאך פארשמירט ווערן! האט געשריען דער טורניסט.

איך האָב צוגענומען צום מויל מיין ווייס טיכל, וואס איז באלד דורכגעזאפּט געווארן אַף רויט.

— אט דאס איז די אמתע רויטע פאן, האט זיך איינער געכאכמעט. מ'האט מיך געפירט צום קראן.

— האט ער עפּעס געזאגט? האט איינער א האסטיק צוגעקומענער א פרעג געטון.

זיי האבן אים אפּגעגעבן כבוד און געענטפערט:

— א ווארט נישט!...

באלד הערט זיך א קאמאנדע:

— געגוג געוואשן זיך! געגאנגען! דעם קאפּ גלייך! אין דער הויך!

צוויי קאדעטן האקן א דורכגאנג צווישן די „ניניאס“, שפּיאנען, סאלדאטן, פּאליציאנטן, וואס פּאקן זיך צו כאפּן א קוק צווישן דעם געדרענג. בא די זייטן און פון הינטן קלאפּט מען איבער די פיס, אבער איך שפּיר דאס קוים. עס מאכט דעם איינדרוק ווי מ'וואלט מיר אפּגעלאפּט דעם שטויב...

פון געווימל הערט זיך ארוים:

— דער דיקטאטאר! דער פּרעזידענט!...

מיין איינציק זעענדיקע אויג כאפּט א קוק אפן ארום. קיינער שמייכלט נישט... דאס איז דאך א גוואלדיקער שפּאס!...

מ'האָט מיך צוריק ארייגעפירט אין דער ערשטער קאמער. אויסער דעם שוין באקאנטן עולם זיינען דארט געשטאנען אין מיטן קאמער צוויי מענטשן: דער בלאנדער רום וועמען איך האָב געזעען פייניקן — ער איז געווען געל און קוים געשטאנען ווי א געבראכענער, און נעבן אים איז

געשטאנען א איטאליענער — א פארשוין א ריז. מיך האָט מען אוועק־געשטעלט נעבן זיי אין רייע און געזאגט:

— דאָ האָט איר אייער קריגס מיניסטער און דעם פאליציי־שעף... און אז איר וועט קוקן אף זיי וועלן מיר די אויגן אויסשטעכן.

די טעמפעראטור איז געווען א הייסע. א שטיקנדע. די שטימונג איז געווען א געשפאנטע.

מען האָט אונדז ווידער אמאל פארשריבן די נעמען, אפגעדרוקט די פינגער, ניט לאזנדיק אפוואשן זיי און ניט אפווישן דעם לאק.

אנטקעגן יעדן פון אונדז שטעלט מען א באמבערא מיט א ביקס און עס הערן זיך אינסטרוקציעס:

— ביז א נייע פאראָרדנונג שטייען זיי אין „פלאנטאן". זיי זיינען אומקאמוניקירט. פאר יעדן ווידערשטאנד — דורכשטעכן!

אין דעם אויגנבליק ווען מ'האָט אנגעהויבן ראפינירט צו פייניקן דעם „מיניסטער" און דעם „פאליציי שעף", האָבן זיך עטלעכע יונקערס געשטעלט פאר מיר און איינער פון זיי האָט אנגעהויבן:

— וועסט דאך פון דא סיי ווי נישט ארויס א לעבעדיקער.

— א טויטער אויך נישט. רופט זיך אפ א צווייטער.

— זאג בעסער פריער אוים דעם פלאן פון דער מאקסימאליסטישער פארשווערונג.

איך קוק ארויף וואו מ'האָט מיר פריער אנגעוויזן צו קוקן און שווייג.

— אף מיר קוק!

איך שטעל אן אף אים מיין איינציק האלב אפן אויג און שווייג —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען די צווייטע עקזעקוציע האָט אויפגעהערט האָט מיר געראַשט אין קאפ, דאס בלוט האָט נאך א ווײלע געשטראמט פון נאז און פון מויל ביז עס האָט זיך אליין אפגעשטעלט און פארטרוקנט געווארן.

— צו אלדי שווארצע יאר!

מ'האָט מיך געצוואונגען צו קוקן וואו מען פייניקט דעם „פּאָליציי־שעף„ און דעם „מיניסטער“, וואס קנייטשן זיך און וויינען אונטער די קלעפּ און בעטן רחמנות. שווערן זיך אז זיי ווייסן פון גארנישט צו זאגן...

ס'איז געוואָרן שטיל. אונדזערע „פאַרהערער“ האָבן געהעשעט ווי נאָך א שווערער אנגעשטרענגטער ארבעט.

די טעמפּעראטור איז געוואָרן שטיקנדער. די נאָז אָטעמונג איז מיר געוואָרן פאַרלייגט מיט פאַרטרוקנט בלוט און האָב קוים געאָטעמט מיטן מויל שלינגענדיק שטיקלעך פאַרגליווערט בלוט, וואס איז מיר געקומען אין האַלדז. די קניען האָבן אנגעהויבן ציטערן, בייגן זיך. דער באַמבערא האָט דאס באמערקט און טריי צו די אינסטרוקציעס, וואס ער האָט באקומען, האָט ער זיי מיר אויסגעגלייכט מיט דעם ביקס...

נאכדעם האָבן פאַרביי אונדז דעפילירט אסאך נייע פּנימער, וואס האָבן געוואַרט אין דרויסן אונדז אנצוקוקן.

איינער פון די אינוויייניקסטע אפיצירן האָט זיך געשטעלט געבן „דערקלערונגען“:

— דאס איז דער מאַקסימאַליסטישער טריאומוויראַט... דער איז דער פּרעזידענט... דער איז קריגס מיניסטער און דער — דער פּאָליציי שעף...

די דעפילאַנטן באקוקן אונדז מיט פאַרשידענע אויגן: שטאַרע, ביט־רע, שטויגענדע און קעלבערנע, און דער אפיציר „דערקלערט“ ווייטער:

— דער פּרעזידענט האָט געוואָרפן די ערשטע באַמבע און געטרונקען דאס בלוט פון צוריסענעם סאָלדאט, אזוי פירט זיך בא זיי...

איך האָב געוואָלט לאַכן, נאָר וואס פאַר א גרימאַסע דאס פּנים מיט אן אויסגעוואַקסענע בייל אפן רעכטן אויג, מיט אויסגעשלאָגענע ציין, מיט פאַרגליווערטע בלוט אַרום די ליפּן און נאָז, האָט אין דעם מאָמענט אנ־גענומען ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר אז „מיין“ באַמבערא, וועלכער האָט געוואוסט טריי אפּצוהיטן א אינסטרוקציע, האָט געכאַפּט די ביקס און איר באגנעט אנגעשטעלט קעגן מיין האַרץ.

דערנאָך האָבן אנגעהויבן קומען „גרויסע לייט“: מיליטער שעפן, גע־נעראַלן, הויכע רעגירונגס באאַמטע. עס איז אריין איינער וואס האָט מיר

אויסגעוויזן צו זיין פון דעפּאַרטאַמענט און געשטעלט פראַגן אין טאָן פון א פאַרהער:

— פון וואָסערע נאַציאָן זיינט איר?

— פון דער אידישער.

— וויפיל צייט זיינט איר דא אין לאַנד?

— דרייצן יאָר.

— אייער רעליגיע?

— סאָציאַליזם.

ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט די, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צום דיאַלאָג און ווייטער געפרעגט:

— איר זיינט א סאָציאַליסט?

— יאָ.

— האָט איר מיר עפּעס צו זאָגן וועגן דער מאַקסימאַליסטישער פאַרשווערונג?..

— ניין.

— איר האָט מורא?

— ניין.

— האָט איר אויף זיך קיין רחמנות?..

— ניין!..

ער האָט א צי געטון מיט די אַקסלען און איז אַרויס.

די דעפּילאַציע האָט נאָך א לאַנגע צייט אַנגעהאַלטן מיט די „דער־קלערונגען", פאַרשטעלונגען און פראַגעס. ווען זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און מען האָט צוריק פאַרמאַכט די טירן, און מען האָט צוריק איינגעשטעלט די אינוויינעקסטע „אָרדנונג", און מיין אויג האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט אויפן אַנגעוויזענעם אָרט פון דער וואַנט, האָט זיך מיר גענומען מישן אין קאָפּ דאָס אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אַרום מיר און מיט מיר. עס איז מיר דורך א צווייפל:

— איז דאָס אַלץ טאַקע פאָרגעקומען אויף דער וואָר?.. אפשר בין איך

אראָפּ פון זינען נאָך דער ערשטער עקזעקוציע?!.. אפשר איז דאָס אַלץ נישט מער ווי דעליריע, משוגעת־פאַרשטעלונגען?!..

עס קלינגט מיר אַלץ אין די אויערן:

„מאַקסימאַליסטישע פאַרשווערונג"... „דיקטאַטאָר"... „פּרעזידענט"... „„באָמבע"... „אַ שבועה פון בלוט"... איך... געטרונקען בלוט... אַלס שבועה באַם איבערנעמען די פירונג פון אויפשטאַנד... כ'האָב פּלוצים דערשפּירט נאָדלען אין דער געשווילעכץ פון מיין פּנים. עס האָט זיך אויפגעריסן דאָס פאַרבלוטיקטע מויל.

— איך האָב זיך צעלאַכט! — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָ וואָלט איך געדאַרפט שטעלן עקזעקוציע נומער דריי, נאָר לאָמיך זיך בעסער איבערגעבן צו מיין געדאַנקען פּלאַנטער: איך פּרואוו זיך אַליין, צי איך בין באַם קלאָרן זינען... רוף אַרוים אין זכרון פאַרשידענע געשעענישן, פאַקטן, ווייטע און נאָענטע, באַטראַכט זיי לאָגיש, פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען און צו וואָס זיי האָבן געפירט און... דאַכט זיך אַז איך בין נישט משוגע...

נאָכדעם נעם איך אַראָפּ דאָס אויג פון דער וואַנט און פיר עס אַרום איבערן עולם, עס זאָל אַריינקוקן אין זייערע אויגן:

אפשר זיינען זיי משוגע!..

עס לאָזט זיך אַריין אַ רייע באַאַמטע, מיליטערישע, פּאָליציייִשע, און עס הויבט זיך ווידער אָן אַ פאַרהער:

— אַ רוס?

— יאָ.

— שוין לאַנג אין לאַנד?

— יאָ.

— מיט וואָס האָט איר זיך באַשעפטיקט?

— געאַרבעט.

— בײַ וואָס?

— צו ערשט אין פאַבריק דערנאָך אין רעדאַקציע.

— פארוואס זיינט איר אוועק פון רוסלאנד?
— כ'האָב געוואָלט פאָרן אין אַ פריי לאנד...
— צו פראפאגאנדירן דעם מאקסימאליזם?
— ניין. מיט דרייצן יאר צוריק איז אין רוסלאנד נישט געווען קיין מאקסימאליזם.
— ווי אזוי האט איר דערקלערט דעם אויפשטאנד!..
— איך דערלויב זיך אף דער פראגע נישט צו ענטפערן.

נאכדעם האב איך אויפגעהויבן דאס אויג און עס אנגעשטעלט אף יענעם פונקט פון דער גרויער וואנט, ווי דער „פלאנטאן" האט דאס געפאָדערט. איך האב נאר געהערט א ציין קריצעניש און א סטראשען:

— מען וועט זיי ווייזן מאקסימאליזם! ביז איינעם וועט מען זיי אויסשעכטן. יעדער איינער פון זיי איז א גיפט פארן לאנד... ער מיינט, אז ער וועט נישט רעדן, וועט מען פון גארנישט געוואויר ווערן. זיינע חברים האָבן שוין אלץ אויסגעזאגט...

איינער כאפט מיך אן פאר די האר:
— רעדסט? אדער דו ווערסט דערהארגעט!
— מ'האָט דאך אייך שוין אלצדינק אויסגעזאגט... — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

אונטער דער איצטיקער עקזעקוציע האב איך געשפירט היץ און קעלט, האָב דאכט זיך געזען שפריצן פייער פון אייגענעם קאפּ, זיי האָבן מיך אבער נאך אלץ נישט דערהארגעט... כ'האָב נאכדעם נאָך געקאָנט זען ווי דער „פאליציי־שעף" איז אומגעפאלן ווי א קלאָץ און געהערט ווי איינער, וואָס האָט אים א טופּע געטון איבערן פּנים, האָט א זאג געטון:
— ער איז פארטיק!

דערנאך האָט מען זיך ווייטער א קער געטון צו מיר. אין דעם אויגנבליק האט מיר דורכגעבליצט א געדאנק: אפשר מאכן א סוף צו דער קאָמעדיע? א כראקע טון מיט בלוט אין פּנים אריין דעם ערשטן, וואס וועט זיך צורירן,ווארפן זיך אף אים און עס וועט נעמען א סוף... נאר גראד אין דעם מאמענט האָט מיך ארומגענומען א בענקשאפט צום לעבן. די געשטאל־

טן פון מיינע ליבע און נאענטע, פון חברים און פריינט, האָבן זיך געשטעלט פאר די אויגן.

מ׳האָט מיך געשטאכן מיט שפּילקעס, געברענט די שפּיץ פינגער מיט אנגעצונדענע שוועבעלעך. איך האָב נישט געזען קיין האפנונג ארויסצוקומען פון זייערע הענט א לעבעדיקער. נאך א שעה מארטער, נאך א שעה אינ־קוויזיציע און איך וועל דאך אומקומען... אבער ווי לאנג מיין לעבן געפינט זיך נאך בא מיר אין די הענט, וועל איך דאס זיי נישט אוועקגעבן!

עס הויבט אן שטיקן ווי צום ברעכן. עס פאלט ארויס א שטיק בלוט פון מויל און איך רוף:

— וואסער! וואסער!

— נאכן טויט, ענטפערט מען.

— וואסער! וואסער!

קיין וואסער האָט מען נישט געגעבן. עמיץ האָט געהייסן כמעט אלעמען ארויסגיין. דערנאך האָט מען געעפנט דאס פענסטער. מיר האָט זיך אויס־געוויזן, אז איך שטארב, און עס האָט זיך אזוי געוואלט פארן טויט א לעצטן קוק טון אף א מענטש פון דער פרייהייט!

ס׳איז מוראדיק שטיל געווארן. אין דער טיר האָט זיך אנגעפּאקט א מאסע, וואס קוקט עפּעס אף מיר מיט אזוינע שטארע אויגן...

— זיי האָבן אפּגעטון א מיאוסע זאך, א גרויס פארברעכן — טראכט איך — אף צו ראטעווען זיך, מוזן זיי מיך שוין דערהארגענען און פארניכטן עס זאל פון מיר קיין שפּור נישט בלייבן... און אזוי טראכטנדיק דערהער איך א שושקען אין אויער. דאס האָט זיך געשטעלט א אפיציר הינטער מיין פּלייצע און דערקלערט זיך מיר אין „פריינטשאפט“:

— פארוואס האָט איר אף זיך קיין רחמנות נישט?.. ס׳איז דאך א שאד אז איר, א יונגער מענטש, וואס קען נאך האָבן א שיינע צוקונפט, זאל אומקומען... אייערע חברים האָבן אייך פארראטן... איר דארפט נאר מודה זיין און איר זיינט געראטעוועט... און עס וועט אייך זיין גוט...

— וואסער! וואסער! רוף איך פון שטיקונג.

— מ'וועט אייך געבן וואסער. מ'וועט אייך אלץ געבן... איר דארפט נאר איין ווארט זאגן... איין איינציק ווארט!...

דער אפיציר איז ארויס. דערנאך איז אריין א קאפיטאן מיט א גרופע באמבעראס, אלע מיט ביקסן, און מען האט ארויסגעפירט מיך מיטן „מי־ניסטער". דער „פאליציי שעף" איז געבליבן ליגן אף דער, מיט בלוט פאר־גאסענער, פאדלאגע ווי א טויטער. מען האט אונדז אריבערגעפירט אין לאגער פון די באמבעראס. דא האט מען אונדז אראפגעפירט אין א קעלער. איך בין געווען אונטער דעם איינדרוק אז מען פירט אונדז הארגענען.

די ווענט פון דעם קעלער זיינען געווען פון קאכלעס. דער סופיט פון צעמענט. די פאדלאגע אויך פון צעמענט מיט א אויסגעארבעטע רינע בא א זייט פאר וואסער אפלויף. ארום און ארום פון די ווענט האבן ארויס־געשטעקט קראנען.

מיך האט מען צוגעשטעלט צו איין וואנט מיטן פנים צו איר און אין דער זעלבער פאזע האט מען צוגעשטעלט דעם „מיניסטער" צו דער קעגנאיבערדיקער וואנט. הינטער אונדזערע פלייצעס האט מען אנידער־געשטעלט באמבעראס מיט אנגעלאדענע ביקסן.

— ביז א נייע[illegible]יראַרדנונג — הער איך הינטער דער פלייצע אינס־טרוקציעס פאר דער וואך – שטייען זיי אין „פלאנטאן". פאר העם קלענ־סטן ריר —

— דערשטעכן!

עס ברענט און עס שטיקט אין האלדז. דאס מויל איז פול מיט בלוט, שלינג איך דאס. איך טרינק מיין אייגן בלוט!...

אין קעלער איז מוראדיק שטיל. עס שפירט זיך א טויטן ריח... ,

דערנאך הערן זיך טריט, זיי דערנענטערן זיך... דאס הארץ האט זיך א צאפל געטון... עס קומט צו א אפיציר, דאכט זיך אז זיין פנים האט אויסגעזען ווי א טויטן־מאסקע. ער האט געדרויבערט און נערוועאיש ארייג־געצויגן און ארויסגעלאזט דעם רויך פון מויל.

— פארלאנגט איר עפּעס?...
— וואסער!
— אָט איז א קראַן. טרינקט! וואשט זיך אפ דאס בלוט!
— !...

ווי אפגעוואוינט איך בין שוין פון הערן א גוט ווארט... אינגאנצן איין מעת־לעת און עס דאכט זיך א גאנצע אייביקייט — שטיי איך אלץ אומבא־וועגלעך מיטן פּנים צו דער וואנט און טראכט... אבער וואס זאל באדייטן די דאזיקע גוטסקייט?.. וואס פאר א טייוולישער פּלאן שטעקט אין דעם?..

— איר ווילט דאך וואסער — הער איך ווייטער דעם אפיצירס קול — אָט איז דער קראַן. טרינקט, וואשט זיך!

איך וויל שוין נישט טראכטן וואס עס וועט זיין. קאנוואולסיווווארף איך זיך צו צום קראַן, וועלכן דער אפיציר האט אויפגעדרייט און פון וועלכן עס פליסט אזא לאַקנדער לעבנס קוואל!.. אף וויפיל עס איז נאר מעגלעך, בויג איך אוים די אויסגעשטייפטע, פארשוואלענע און פארבלו־טיקטע הענט און פארמיר פון די דלאניעס אזא שיסעלע צו שעפּן פון דעם פליסנדן קוואל און זשלאקע דאס וואסער מיט אימפּעט, מיט פארכאפּטן אטעם. וואס עס וועט זיין זאל זיין, אבער דערווייל לאמיך אף א מינוט פילן דעם טעם גן עדן אין מויל, אין האלדז, אראפּשווענקען דאס בלוט. און מיט יעדן זשלאקע וואסער שפּיר איך אזא באפרישונג, אזא באלעבונג!..

דער מאגן איז שוין פול. איך פיל ווי דאס וואסער הויבט אן ארוים־קומען אין האלדז. עס איז מיר אבער אלץ א שאד אויפצוהערן זשלאקן, אריינצוגיסן אין זיך לעבן...

— וואשט אייך ארום — האט דער אפיציר מיט עפּעס אזא גוט־מוטקייט געזאגט.

איך האב זיך שיער צעוויינט פון גליק... דאכט זיך אז דער „פלאנטאַן" וואס האָט זיך אנגעהויבן אויבן, אין דער מארטער־קאמער, און זיך פארגע־זעצט דא אין צעמענטענעם קעלער, האָט געדויערט א אייביקייט און אין איר איז שוין פארשטייפט געווארן דער געדאנק צוזאמען מיט דער פארשטיי־פונג פון קערפּער. איצט רייצט עס מיך אנצורירן מיט מיינע אייגענע הענט

מיין פּנים, מיין קאָפּ, אנטאַפּן זיי. אויב איך קען זיי ניט זעען, זאָל איך זיי כאָטש פילן...

— איר זיינט דאך אזוי פארשמירט אין בלוט. פארוואס וואשט איר זיך נישט?..

איך כאַפּ זיך צו צום וואשן. עס טוט וויי און עס שטעכט יעדע באוועגונג. איז דאך אלץ אזוי פארשטייפט, אנגעשוואלן און דאס בלוט איז פארטרונקט אף דעם געשווילעכץ, אבער איך וואש זיך מיט גענוס. איך וואש די געשוואלענע הענט, דאס געשוואלענע און צובייִלטע פּנים, דאס פארמאכטע און אויפגעשוואלענע אויג, דעם צובייִלטן קאָפּ.

— איך דאנק אייך אפיציר!

— נו, גוט. איצט שטעלט זיך אף אייער אָרט.

כ'האָב זיך געפילט לייכטער, פרישער. כ'האָב שוין געקאנט אָטעמען. ס'איז טאקע נאר געווען צום אָטעמען די קעלער לופט, אבער דאך אָטעמען. ווי גוט איז, אז מען קאָן אָטעמען!..

דער אפיציר איז ארויסגעגאנגען. אין א פּאָר מינוט ארום איז ער ווידער אריינגעקומען. ער איז צו צו מיר. זיך געשטעלט בא מיין זייט, קאנוואולסיוו האָט זיך מיין אויג אנגעטראָפן מיט זיינע, וואס זיינען איצט געווען עפּעס אזוי שפּיציק און האַבן דורכגעשטאכן. אין האנט האט ער געהאלטן א בויגן ווייס פּאַפּיר און א בליישטיפט.

— פילט איר זיך בעסער?

— יא. א דאנק, אפיציר!

ער דערלאנגט מיר דעם בויגן פּאַפּיר און דעם בליישטיפט און זאָגט:

— איצט זייט אזוי פיל גוט און שרייבט אויף אייער נאָמען, אדרעס, נאַציאָנאַליטעט, געבורטסלאנד, באַשעפטיקונג און אלע אנדערע דאַטן וועגן אייך.

איך נעם דאָס פּאַפּיר, לייג עס צו צו די קאכלעס פון דער וואנט און שרייב אויף מיין נאָמען, אדרעס, נאַציאָנאַליטעט, געבורטסלאנד, נאַטוראַליזאַציע, פּראָפעסיע.

דער אָפיציר קוקט זיך גוט איין וואָס איך שרייב, באַמערקט אַז אַזוי איז גוט און זאָגט:

— שרייבט ווייטער...

— וואָס זאָל איך נאָך שרייבן?

— שרייבט, צו וועלכער פּאַרטיי איר באַלאַנגט.

— גוט.

איך שרייב דאָס.

— שרייבט, פאַרוואָס מ'האָט אייך אַרעסטירט.

— איך ווייס נישט פאַרוואָס...

— איר זעט דאָך, אַז דאָ איז קיינער נישטאָ... איך פאַרזיכער אייך, אַז קיינער וועט פון דאָ קיין זאַך נישט געוואויר ווערן...

אַ שוידער איז אַדורך מיין אַנגעליט ליב און אַ קאַלטער שוויס האָט אַנגעהויבן אַרויסצוזעצן אויפן אַנגעשוואָלענעם פּנים.

— וואָס ווילט איר איך זאָל שרייבן?!..

— עפּעס וואָס וועגן דער פאַרשווערונג...

אַ פּאָר נעמען נאָר פון די וואָס האָבן זיך אין איר באַטייליקט...

— אויסטראַכטן?

— זאָל זיין...

איך האָב אים דערלאַנגט דאָס פּאַפּיר און געזאָגט:

— עס טוט מיר באַנג, וואָס איך קאָן אייך נישט אָפּדינען פאַר אייער טובה...

דער אָפיציר נעמט נישט פון מיר צו דעם פּאַפּיר און זאָגט:

— זייט נישט איינגעשפּאַרט!

— דאָס וואָס איר פאַרלאַנגט קען איך נישט שרייבן.

— זעט, איך וויל אייער טובה... איר זיינט אַ יונגער, אינטעליגענטער מענטש און איך וואָלט נישט געוואָלט איר זאָלט אומקומען... איר ווייסט גאָר נישט וואָס פאַר אַ פּייניקונג מען גרייט ערשט...

— פאַרפאַלן!

דער אָפיציר נעמט אַרויס אַ קעשענע-זייגערל און זאָגט:

— זעט. ביז פינף פעלט נאך א האלבע שעה. פונקט פינף דערשיסט־מען אייך!

— זאל מען דערשיסן! נאר איך בעט אייך נעמט צו דאס פאפיר. עס פאלט מיר פון האנט ארויס.

ער האט צוגענומען דאס פאפיר און אפטרעטנדיק געזאגט:

— האט אין זינען: אין א האלבער שעה ארום... א פאר ווערטער נאר קאָנען אייך ראטעווען... באטראכט זיך...

דער אפיציר איז ארויס. אין קעלער איז ווידער געווארן א טויטע שטילקייט. איך בין געבליבן אין „פלאנטאן" מיטן פנים צו דער וואנט און מיין אויג האָט נישט מער געזען ווי א פארבלוטיקטע קאבלע. אלץ אין קעלער איז טויט־שטיל. אויך די באָמבעראָ־וואך איז פארגליווערט געווארן און עס הערט זיך נישט פון איר קיין סימן פון לעבן.

איך האב דערווארט דעם טויט. און אין קאפ האבן זיך אנגעהויבן מישן פארשטעלונגען איבער דעם, וואס עס וועט פאסירן אין א האלבער שעה ארום... און ווידער האָט אנגעהויבן נאגן א בענקשאפט צום לעבן, צו דער לעבעדיקער וועלט, צו מיינע נאענטע, וועלכע איך וועל שוין קיין מאל מער נישט זעען... קיין מאל מער!..

— זיי געזונט לעבן! זייט געזונט מיינע טייערע!

און טרערן האבן א שפריץ געטון פון אויג...

— מינוטן, לויפט נישט אזוי שנעל!..

ביז איצט איז די צייט געשטאנען אף איין ארט. געשטאנען און צוגע־קוקט ווי מענטשן, פרייע, באוואפנטע, באשיצטע, פייניקן א מענטשן א פארשפארטן, א אומבאוואפנטן, א שוצלאזן. און פונקט איצט ווען ס'איז אביסל גרינגער, אביסל פרישער, עס אטעמט זיך!.. און עס האט זיך אויפ־געוועקט אזא בענקשאפט צום לעבן, האָט זיך די צייט ארויפגעכאפט אף א פייערדיקן רייט־פערד און גאלאפירט אוועק!..

אין דער קעלער־שטילקייט הערט זיך עפעס ווי א פאָכן פון פליגלען... דערנאך שטילע טריט. עס וואקסט ווידער אויס נעבן מיר דער זעלבער אפי־

ציר נאר דאס היטל עפּעס טיפער אראפּגערוקט איבער די אויגן. ער האלט נאך דאס זעלבע פּאפּיר:

— האט איר זיך באטראכט?..

— ניין.

ער נעמט ארויס זיין קעשענע־זייגערל. די ווייזערלאך שטיין דריי מי־נוט צו פינף!.. און דער סעקונדע ווייזערל איילט זיך און טרייבט!..

— איז דאס אייער לעצט ווארט?..

— יא!

איצט איז דער אפיציר מיט ברייטע שפּאן, ווי ער וואלט זיך געיאגט, ארויס פון קעלער, אין וועלכן עס איז ווידער געווארן טויט־שטיל.

— גלין... גלין... גלין — האבן זיך דערטראגן דריי קלאנגען פון א גלאק און זיך ארייגעבויערט אין הארץ. עס האט געקלינגען די לעצטע מינוט פון מיין לעבן!.. איך גיי אוועק... אף שטענדיק... פון אלץ... פון אלעמען!..

— זייט געזונט!..

עס קומט האסטיק אריין דער אפיציר. שטעלט מיך אוועק צו דער צווייטער וואנט איבער דער רינע. באפעלט דעם באמבערא צו שטעלן זיך אונטער מיין פּלייצע.

איך בין שוין צום טויט אויך גלייכגילטיק און טראכט, אז דא, אין דער נייער פּאזע, וועט נישט זיין באקוועם צו שיסן פון א ביקס... אויב די פאר־ארדנונג איז שיסן, וועט מען דאס דארפן טון מיט א רעוואלווער... און אפשר וועט מען נאר דורכשטעכן מיטן באגנעט?.. אבער וואס דויערט דאס אזוי לאנג?.. איך קוק אראפּ צו דער צעמענטענער רינע, טראכטנדיק:

— וועל איך זיין דער ערשטער וועמענס בלוט עס וועט דא אפּלויפן? אדער דא איז שוין אפּגעלאפן דאס בלוט פון א סך אנדערע?.. אבער וואס נעמט שוין נישט קיין סוף?.. אלץ פארשפּעטיקט זיך דא!.. אפילו הארגענען הארגעט מען נישט צו דער צייט...

נאר אט הערן זיך טריט. עס איז אריין א קאפּיטאן, וואס רעדט עפּעס מיטן אפיציר אין דער שטיל, און נאכדעם קומט ער צו צו מיר און הייסט מיך אפּרוהען —

— ... ?

ער האָט פארשטאנען מיין שטומע פראגע און אפּרוקנדיק זיך פון מיר ביז אין מיטן קעלער, רופט ער מיך צו צו זיך:

— קומט. צוגייט זיך אביסל, באוועגט מיטן קאפּ. איר זיינט דאך באלד פארשטייפט!..

איך האב זיך אויסגעדרייט. ס'איז שווער געווען צו באוועגן די פאר־שטייפטע גלידער, נאר איך בין צוגעגאנגען.

דער אפיציר איז ארויס פון קעלער. עס איז געבליבן דער קאפּיטאן. ער פרעגט:

— וואו האָט מען אייך אזוי באהאנדלט?

— דא.

— ווייסט איר וואו איר געפינט זיך?

כ'האב א טראכט געטון: וואס מיינט ער? און געזאגט:

— געוויס. אין פאליציי דעפּארטאמענט...

— ניין. דאס איז נישט דער פאליציי דעפּארטאמענט. דא איז די קא־זארמע פון די באָמבערקאָס. איצט געפינט איר זיך אונטער מיין רשות. דא ווערט קיינער נישט שלעכט באהאנדלט...

— א דאנק...

— פארלאנגט איר עפּעס?

— וואסער.

— אט איז וואסער. טרינקט. וואשט זיך. וויפיל איר ווילט.

— א דאנק, קאפּיטאן! — און איך בין ווידער צונעפאלן צום קראן. דערנאך האט ער מיר דערלויבט זעצן זיך אף דער פאדלאגע און אנזאגנדיק עפּעס די באמבעראס איז ער ארויס.

די באמבעראס האָבן אויך ווי פרייער אפּגעאטעמט און געוויזן סימנים פון לעבן.

כ'האב זיך געזעצט נעבן אריינגאנג, וואס געפינט זיך אין א טונקעלן קארידאר. אין אים גיין אויף און אפּ צוויי באמבעראס מיט ביקסן און

שווייגן. עס הערן זיך טריט... די באמבעראס שטעלן זיך אויסגעצויגענע בא ביידע זייטן אריינגאנג און שטעלן אראפּ די ביקסן.

— דער שעף!

עס קומט אן דער שעף פון די באמבעראס אין באגלייטונג פון קאפּי־טאן. איך שטעל זיך אויף. דער שעף פרעגט:

— ווי רופט מען אייך?

איך זאג אים.

— פון וועלכער נאציאן?

ווי אזוי ענטפערט מען אים, עס זאל אים זיין קלאר מיין נאציאנאלי־טעט? און הויב אן —

— איך בין דא אין ארגענטינע א נאטוראליזירטער בירגער. געבוירן בין איך אין פוילן, ווען פוילן איז נישט געווען זעלבסשטענדיק, נאָר האָט באַ־לאנגט צו דער רוסישער אימפעריע. איך בין אבער נישט קיין רוס, אויך נישט קיין פּאלאק. איך בין א איד.

איך זע ווי דעם שעף איז נאך אלץ נישט קלאר מיין נאציאנאליטעט, נאר ער לאזט דאס אפּ און שטעלט אנדערע פראגן:

— וויפיל צייט זיינט איר אין לאנד?

— דרייצן יאר.

— וואס האָט איר דא געטון?

— געארבעט.

— בא וואס? וואס איז אייער פאך?

— איצט א אידישער זשורנאליסט.

— פארוואס האָט מען אייך ארעסטירט?

— איך ווייס נישט.

— וואס האָט איר מיר צו זאגן וועגן די סאוועטן?

— וואס פאר א סאוועטן?

— וועגן דער סאוועטן רעפּובליק אין ארגענטינע?...

— פאר מיין ארעסט איז נישט געווען קיין סאוועט רעפּובליק. איצט ווייס איך נישט.

— איר זיינט דאך איר פּרעזידענט...

— עס איז א שפּאס.

— נאר א שפּאס?!....

— א בלוטיקער.

— האָט איר פון דעם ביז איצט נישט געוואוסט?

— יא. דא האָט מען דאס מיר „דערציילט"...

דער קאַפּיטאַן רופט זיך אָפּ:

— דאָ?...

— ניין... כ'האָב פאַרגעסן... נישט דאָ... אויבן... אין פּאָליציי דעפּאַר־טאַמענט.

דער קאַפּיטאַן מיטן שעף זיינען אַפּגעטראָטן. עפּעס גערעדט אין דער שטיל. דערנאך זיינען זיי ארויס.

די צוויי באַמבעראַס, וואס זיינען געשטאַנען ווי סטאַטועס, האָבן צו־ריק אַרויפגענומען זייערע ביקסן אויף די אַקסלען און ווידער געשפּאַנט אַרויף און אַראָפּ איבערן טונקעלן קאָרעדאָר פאַרביי דעם אַריינגאַנג.

איך זעץ זיך צוריק אויף דער פּאָדלאָגע. די נאַכט פאַלט צו. די שוואַרצ־קייט פון די באַמבערישע קליידער גיסט זיך צוזאַמען מיט דער שוואַרצ־קייט פון דער נאַכט, און פון דער פינצטערניש זעען זיך נאר די געשאַרפטע באַגנעטן אויף די ביקסן פון די אומשפּאַנענדע באַמבעראַס, און עס מאַכט דעם איינדרוק ווי מעסערס וואָלטן אַרומגעשוועבט אין דער פינצטער.

עס קומט דער קאַפּיטאַן אין באַגלייטונג מיט א באַיאַרטן פּאַרשוין, מיט א גרויסער זילבער־ווייסער באָרד. דער מיט דער באָרד באַטראַכט מיך און פרעגט:

— גלויבט איר אין מאַקסימאַליסטישן אידעאַל?

— ניין. עס איז נישט קיין אידעאַל.

— וואס דען איז דאָס?

— קען זיין א מעטאָדע, וועלכע איז דא נאך נישט פּאָפּולער.

— און וואס איז דאס, וואס עס קומט איצט דא פאָר?

—זייענדיק דא, אין קעלער, אומקאמוניקירט, באוואכט... וואס קען איך וויסן?

— און וואס איז פארגעקומען ביז אייער ארעסט?

— א בלוט פארגיסונג בא וואסענא. דערנאך א ספאנטאנער פראָטעסט. א סטיכיע.

— איר זיינט א רוס?

— ניין, א איד.

— א איד?

— יאָ.

— זיינען דא אסאך אידן?

— קיין סאטיסטיק איז נישטאָ. מען שאצט אין א הונדערט פופציק טויזנט.

— הונדערט פופציק טויזנט! וואס איז זייער טוען?

— דאס זעלבע וואס עס טוען די מענטשן פון אנדערע נאציאנאליטעטן.

— וואס איז אייער טוען?

— א מיטארבייטער אין א אידישער צייטונג.

דער מיט דער לאנגער זילבער־ווייסער באָרד באטראכט מיך נאך א ווײַלע אן ווערטער און דערנאך גייען זיי ארויס.

עס איז פינצטער און שטיל. עס הערט זיך נאר מיין אטעם און דאס אטעמען פון די וועכטער.

— וואס וועט זיין דער סוף?...

און אזוי פארזונקען אין שווארצע געדאנקען דערהערט זיך א גערודער, דאס דערנענטערן זיך פון אסאך פיס... עס זיינען אנגעקומען דער קאַפּיטאַן, דער אפיציר מיט א פאטרול באמבעראס, וואס האבן אין דער פינצטער אויסגעזעען ווי געשפענסטער. עס דערהערט זיך א באפעל:

— קומט!

דער קאפּיטאַן מיטן אפיציר גייען פּאַראויס. איך מיטן „מיניסטער" הינטער זיי און ארום אונדז דער פּאַטרול באמבעראַס מיט די ביקסן אויף די אַקסלען.

כ'האָב געהאַט דעם געפיל, אַז איצט קומט דער סוף. אַז איך גיי צו מיין אייגענעם קבר. דאָס לעבן אין מיר האָט געציטערט, נאָר איך בין גע־גאַנגען ווי אַ זייטיקער צו צוקוקן זיך מיט נייגיר צו דאָס, וואָס וועט געשען.

אונדזער פּראָצעסיע האָט זיך אָנגעהויבן פון פינצטערן קעלער ארויס. מיר זיינען דורכגעגאַנגען דעם אונטערערדישן קאָרידאָר שווייגנדיק. און אַזוי זיינען מיר פון דאַ ארויף אויף שטיגן, וואָס האָבן געפירט צו אַ אויבערשטער גאַלעריע, וואָס אויף איר האָט געווימלט מיט באַמבעראַס און מיליטער און גע־ווער.—אָט פירט מען אים! אָט פירט מען אים!.. האָבן זיך געטראָגן פון אַלע זייטן איינגעהאַלטענע קולות.

מען האָט אונדז אריינגעפירט אין אַ קאַמער מיט גרויע ברודיקע ווענט, אַ פּאַדלאָגע פון ציגל. אין מיטן גרוי־ברודיקן סופיט איז געזעסן אַ קליין לעמפּל און געקוקט ווי מיט אַ פארשלאָפן אויג אויף דער פוסטער נאַכטיקער קאַמער. און אין אַ וואַנט איז געווען אַ עפענונג פון וואַנען עס האָט ארויסגע־שטאַרט אַ טיפע סודותפולע פינצטערניש...

בא דער וואַנט, וואָס אַנטקעגן דעם פינצטערן לאָך, שטעלט מען אונדז אַוועק אָפּגערוקט אויף צוויי מעטער איינער פון אַנדערן. און אַנטקעגן יעדן פון אונדז שטעלט מען אַ באַמבעראַ מיט אַ געלאָדענער ביקס. נעבן דער טיר ווערט אַוועקגעשטעלט אַ סאַרזשענט—

— וועט שוין דאַ נעמען אַ סוף? — טראַכט איך נאָכדעם ווי איך האָב אויסגעהערט די אינסטרוקציעס נישט צו רירן זיך פון אָרט און נישט אויס־רעדן אַ וואָרט מיטן „מיניסטער" און מיט קיינעם נישט, אפילו נישט פון דערווייטנס.

אונטערן פולן איינדרוק פון די הכנות, וואָס ווערן געמאַכט פאַרן טויט האָט זיך דאָך אַזוי געלאַקט אַ בענקשאַפט צום לעבן. זאָל זיין דאַ צווישן די באַמבעראָס, אונטער באַוואָפנטע וועכטער; זאָל זיין אונטער אייזערנע גראַ־

טעס; זאָל זיין אַף טיערא דעל פועגא*) זאָל זיין א לעבן פון צרות, פון פיין, נאר לעבן זאָל זיין!..

און דאס האַרץ ברויזט און עס איז דאָרט עפּעס אזא געראָודער, אזא געקלעפּער, ווי מען וואָלט זיך דאָרט געגרייט צו א קעגן אַטאַקע און עס ווערן געשיקט פון דאָרט אינסטרוקציעס וואָס צו טון און וואָס נישט צו טון. און עס באַפעלט: „נישט אומקומען! נישט מאַכן קיין טריט פאַרן אָפענעם קבר!“.

עס קומט א באַמבערא מיט א עמער וואַסער. שטעלט אים אַנידער אין דער קאַמער און גייט אַרויס.

כ׳האָב זיך אַראָפּגעלאָזן אַף דער ציגעלנער פּאָדלאָגע, האָב אָנגעשפּאַרט די פּלייצע אן דער שוואַרצער וואַנט און איינגעגראָבן די אויגן אין דעם פינסטערן לאָך פון דער אַנטקעגנדיקער וואַנט.

דער „מיניסטער“ האָט זיך אויסגעצויגן מיט זיין שווערן קערפּער אַף דער ציגלנער פּאָדלאָגע און שווייגט. איך זע פאַרטון אין שוואַרצע געדאַנקען און קוק, שווייגנדיק, אַף דעם פינצטערן לאָך, וואָס האָט, דאַכט זיך אָנגענומען די פאָרם פון א סודות־פולן פראַגעצייכן. דער באַמבערא שטייט ווי פאַרגליווערט מיט זיין אָנגעלאָדענער ביקס אַנטקעגן מיר און שווייגט. דער צווייטער באַמבערא וואָס שטייט מיט זיין ביקס אַנטקעגן „מיניסטער“ שווייגט אויך. דער סאַרזשענט וואָס שטייט אין דער טיר האָט אויפגעהאַנגען זיינע אויגן אַף מיר און שווייגט אויך—אַלץ שווייגט, נאָר פון אונטן, פון ברייטן הויף טראָגט זיך א געראָודער, א כאַאָטישער, שטימען פון מענטשן אויסגעמישט מיט דאָס הירזשען פון פערד, אייזערנע פּאָדקאָוועס, וואָס קלאַפּן אַף די שטיינער פון ברוק, רעדער־רוישן, קייטן קלאַנגען און טריט, אַסאַך טריט. עס ווערט שטיל. דערנאָך הערט זיך נאָר איין איינציקע שטימע. עמיץ האַלט דאָרט א רעדע, וואָס ווערט אונטערבראָכן מיט א אַפּלאָדיסמענטן, אויסרופן, אָט רעדט ער ווייטער און דערנאָך — אַסאַך אַפּלאָדיסמענטן, רוישנדיקע, אויס־

---

*) אין קאַלטן דרום עקסטרעם פון לאַנד, וואו אהין עס ווערן פאַרשיקט די אַף אייביק פאַרמישפּעטע.

רופֿן, געשרייען, געלעכטער און צום סוף טריט, אַסאַך פֿוסטריט, שפּאַרן. רעדער־רויש, קייטן קלאַנג, אָבער דער טומל ווערט קלענער, ער שטאַרבט אָפּ. ביז עס ווערט ווידער שטיל. אַלץ איז געבליבן שטיל פֿון אונטן און שטיל אין דער הויך, שטיל פֿון אינווייניק און שטיל פֿון דרויסן.

און די שטילקייט איז עפּעס אַזאַ דריקנדע, וואָס מאַכט נאָך שטיקנ־דער די שטיקנדע לופֿט פֿון דער געלבלעך־טונקל באַלויכטערנער קאַמער.

— איך וויל וואַסער.

דער באַמבערא גיט מיר אַ צייכן נישט רירן זיך פֿון אָרט, און ער, זיך אויך נישט רירנדיק פֿון זיין אָרט, זאָגט דעם סאַרזשענט אַז איך וויל וואַסער. דער סאַרזשענט האָט אָנגעשעפּט אַ טעפּל וואַסער און דאָס מיר דערלאַנגט מיט איין האַנט, האַלטנדיק אין דער צווייטער זיין ביקס. אָפּגעטרונקען אַ ביסל. געדאַנקט, פֿרעג איך אים צו עס איז מיר דערלויבט איינעצן אַ טיכל און אַרומבינדן מיר דעם בייל איבערן אויג, וועלכער האָט איצט אָנ־געהויבן ברענען און שטעכן.

—איך האָב נישט קיין מאַכט צו דערלויבן. וועל שיקן פֿרעגן דעם שעף.

דער סאַרזשענט האָט זיך געשטעלט אויף זיין אָרט אין דער טיר. פֿון דאָ האָט ער צוגערופֿן אַ באַמבערא. אים עפּעס געזאָגט אין דער שטיל. יענער איז אַוועק. עס האָט לאַנג געדויערט. ער איז דאָך צוריקגעקומען. דער סאַרזשענט האָט מיר דערלויבט וואָס כ'האָב געבעטן. כ'האָב אויסגעצ־טון דאָס אויבערהעמד, וואָס איז פֿון פֿאַרנט געווען פֿאַרשטייפֿט פֿון פֿאַרטרוקנטע בלוט און צעהאַקט, כ'האָב פֿון דעם העמד אַרויסגעריסן אַ שטיקל, דאָס איינגענעצט און צוגעלייגט צום בייל.

דערנאָך האָב איך זיך אויסגעצויגן אויף די ציגל, זיך אונטערגעשפּאַרט אַ האַנט און געפּרוּווט איינשלאָפֿן.

כ'האָב צוגעמאַכט די אויגן, און דאָך האָב איך דאַכט זיך געזען ווי פֿון פֿינצטערן לאָך, וואָס איז אין דער אַנטקעגנדיקער וואַנט זיינען אַרויס־געקומען אַ באַנדע פֿראַגעצייכנס און האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ שדים טאַנץ איבער דער קאַמער.

ק א ש מ א ר

כ'האָב צוריק אויפגעמאכט די אויגן און מיטן געדאנק זיך געזאגט: „דעליריעס. פאנטאזיעס“. זיי זיינען אבער נישט אפגעטראטן. די מאָרד בילדער שטויסן זיך איינע נאך דער אנדערער און פאלן אריין איינע אין די אנדערע...

... מ'שטעלט מיך צו צו דער וואנט. מען פרעגט מיך: „פארבינדן די אויגן?.. „מ'דארף נישט“, ענטפער איך. פיר באמבעראס ווערן אויסגעשטעלט אנטקעגן מיר מיט אנגעצילטע ביקסן. איך קוק אף די בלאנקנדיקע שפיצן פון זייערע שארפע באגנעטן. קוק אריין אין די טיפע רערלעך פון די ביקסן, פון וואנען עס וועלן באלד ארויס פייערלעך מיט פליסיקן בליי. דער קאפיטאן טוט א פאכע מיט זיין בלאנקער שווערד!.. אט שפארט זיך אריין אן אנדער בילד: מען בינט מיר הענט און פיס און די פיס מיט די הענט צוזאמען ווי א שעפס. איך ליג אין ראד פון באמבעראס, וואס האלטן שוין אנגעגרייט די שארפע באגנעטן אף מיר און ווארטן אפן לעצטן באפעל. און ווידער טוט א בלאנק דעם קאפיטאנס שווערד... און עס דערשיינט אן אנדער בילד: עס שטייט אין מיטן הויף א תליה. עס הענקט פון איר אראפ א שטריק מיט א פעטליע. מען פירט מיר צו. מען שטעלט מיר אף א בענקל. מען העלפט מיר אריינשטעקן דעם קאפ אין דער פעטליע...

— דעליריעס! פאנטאזמען! און דריי זיך איבער אף דער אנדערער זייט צו איבערצייגן זיך, אז עס זיינען נישט מער ווי גרוילעכע פארשטעלונגען אזוינע, און דאך ווילן זיי נישט אפטרעטן... און אין דער מאט־געלער טונקעלער קאמער הערשט אזא טויטע שטילקייט. די באמבעראס מיט זייערע ביקסן שטייען מיט זייערע אפענע אויגן ווי מומיפיצירט.

צ ו ו ע ל פ ט ע ר י א נ ו א ר

אין דער קאמער שטייט נאך א טויטשטילע פינצטערניש, נאר פון דרויסן שלאגט שוין אריין דער בלוי פארטאג־דעמערונג. איך זעץ זיך אויף

איינצואַטעמען אַביסל פרישע לופט און האָ פאַלט מיין אויג אויף א דריטן צוזאַמענגעקאַרטשעטן קערפּער פון א מענטש, וועלכער איז געלעגן א צוויי מעטער אָפּגערוקט פון „מיניסטער".

— ווער זאָל זיין דער דריטער קרבן? טראַכט איך און גראַב איין מיין אויג אין אים. עס האָט אָבער געדויערט ביז דער מאָרגן־דערמערונג האָט אָנגעהויבן אריינצולייכטן מיט זיין העל־בלוי און איך האָב, צו מיין גרויסער שטוינונג, דערקענט דעם „פּאָליציי־שעף"...

— ווי קומט ער אהער? ער איז דאָך נעכטן געבליבן דאָרט אין דער אויבערשטער מאַרטיר קאַמער, א טויטער!.. איך הער דאַכט זיך נאָך דעם פאַרשטיקטן הילך פון זיין לעצטן פאַל, בלייבנדיק אויסגעצויגן, שטייף און אומבאַוועגלעך ווען אַפּיצירסקע שיך האָבן געטראָטן אויף זיין האַרץ און אויף זיין ווייס פּנים... צו וואָס האָט מען אהער געבראַכט א טויטן?!...

ס'איז געוואָרן קאַלט אין דער אנגעגליטער קאַמער און באַלד איז געוואָרן היים דערשטיקט צו ווערן. איך בעט און באַקום די דערלויבעניש ארויסצוגיין אפן הויף צוליב באַדערפעניש. עס באַגלייט מיך „מיין" באַמבערא.

א שווערער גערוך פון סאָלדאַטן, פערד און אייזן האָט זיך געלאָשן אין דער שוין העלער מאָרגן פרישקייט. אפן בלויען הימל האָבן אומגעשוועבט ווייסע שטיקער פוך באַזוימט מיט מאָרגן־רויט פון דער אויפגייענדער זון. אויף דער גאַלעריע אַרום זיינען נאָך געשלאָפן באַמבעראָס מיט קופּעס ביקסן בא די זייטן. די אומגייענדע וואַך האָט זיך אָפּגעשטעלט, אנגעשפּיצט אויף מיר די אויגן און געבליבן עפּעס ווי דערשטוינט...

אריינגעקומען צוריק אין מיין קאַמער, האָב איך פאַרנומען מיין פּלאַץ אויף דער ציגלנער פּאָדלאָגע און באַלד זיך ווידער פאַרזונקן אין סודות־פולן סוף.

עס הערן זיך האַרטע טריט. עס דערשיינען דריי באַמבעראָס. דער סאַרזשענט וואָס זיצט אין דער טיר שטעלט זיך אויף. מורמלט עפּעס מיט זיי. דערנאָך זיינען זיי אריין אין קאַמער. לאָזן אראָפּ די ביקסן פון די אַקסלען. ציען ארויס די באַגנעטן פון די שיידלען, וואָס הענגען זיי בא דער זייט און

שטעקן זיי אַרויף אַף די ביקסן. שושקען זיך עפּעס מיט אונדזער אינווע־ניקסטער וואָך און קוקן אַף אונדז. פון דער שושקעריי האָט זיך אַרויסגע־שיילט איין איינציק וואָרט, וואָס האָט זיך דערטראָגן צו מיר:

— יאַטקע...

די אַלטע באַמבעראַס זיינען אַרוים. די נייע בלייבן אין דער זעלבער פּאָזע פון די פריערדיקע: איין באַמבערא קעגן מיר, אַ צווייטער קעגן „מי־ניסטער" און דער דריטער — קעגן „פּאָליציי־שעף".

יענע באַמבעראַס זיינען שוין געווען „היימיש", שוין אַביסל צוגע־וואוינט געווען צו זייערע פּנימער, צו זייערע אויגן. די זיינען „פרעמדע" און זיי קוקן עפּעס מיט אַזוינע מאָדנע פייערלעך אין די אויגן.

דער „מיניסטער" ליגט אויסגעצויגן מיט זיין גרויסן קערפּער אַף די ציגל און מיטן פּנים צו דער וואַנט, און קרעכצט. דער „פּאָליציי־שעף" ווי אַ זאַק ביינער ליגט צונויפגעקאַרטשעט און ווייזט נישט קיין שפּור לעבן. אין דער קאַמער שוועבט אום דער אָפּקלאַנג פון יענעם סודותפולן וואָרט—

— יאַטקע...

אין אונדזער שוואַרצער קאַמער קוקט שוין אַריין דער העלער טאָג, וואָס רופט, רייצט. און דער סאַרזשענט זיצט פעסט אין דער טיר און לאָזט נישט אַרוים די נאַכט־שאָטנס.

פון הויף הויבט זיך אויף אַ גערודער, אַ קלינגען פון שפּאָרן, אַ היר־זשען פון פערד, אַ רויש פון קייטן. אַ געגיי. דערנאָך ווערט שטיל און פון דער שטילקייט הערט זיך עמיצנס אַ הייזעריקע רעדע, וואָס ווערט אונטער־בראָכן מיט אַ „וויוואַט!" „אַ טויט!".

וואָס טוט זיך אַף דער אַנדערער זייט פון די טורמע ווענט? וואָס טוט זיך אין גאַס? אין שטאָט? אין לאַנד? אַף דער וועלט? איז נאָך פאַראַן עפּעס אויסער גוואַלד און מאָרד? יעגער און געיאַגטע? שלעגער און צושלאָגענע? מערדער און דערמאָרדעטע? איז נאָך פאַראַן עפּעס אויסער באַוואָפנטע באַמבעראַס און אַרעסטאַנטן. מאַרטיריזירטע וואָס וואַרטן אַפן טויט?..

וואו זיינען די טויזנטער און טויזנטער אַרעסטאַנטן, וואָס איך האָב געזען נעכטן און איינעכטן?...

דער אויג איז שוין מיד פון קוקן אפן זעלבן סארזשענט, אף די זעל־בע באמבעראס, אף די זעלבע ביקסן, אף די זעלבע אוניפארמעס, אף די זעלבע גרויע ווענט און ציגלנער פאדלאגע — אלץ די זעלבע קאלירן, דער זעלבער טומל און רויש וואס טראגט זיך פון הויף, דער זעלבער צופלוס און אפפלוס פון פאטרולן —

— וואס וועט זיין דער סוף?...

איך, דער „מיניסטער", דער „פאליציי שעף" ליגן אף דער פאדלאגע ווי אומבאוועגליכע שאף. דער סארזשענט זיצט אין טיר ווי פארגליווערט; די באמבעראס רירן זיך נישט פון ארט — אלץ שטייט אפן זעלבן ארט אזוי ווי די צייט וואלט זיך אפגעשטעלט...

איך ווייס נישט וואס און צוליב וואס, נאר איך נעם עפעס זוכן אין מיינע טאשן. איך געפין א קליין שפיגעלע. איך שטעל דאס אנטקעגן אויג און עס נעמט מיך ארום א גרויל, ווי א פארזשאווערטע זעג וואלט ארי־בער איבערן לייב: דאס מויל, די נאז, עפעס אזוי ווילד גראב און צוקרומט, איין אויג איז פארמאכט און אף דעם זיצט עפעס אזא גרויסע שווארץ־בלויע בייל; שווארץ־בלוי־פארבלוטיקט און צעביילט איז דער שטערן. דער קאפ פול מיט ביילן, פון וועלכע עס שטארן ארויס עפעס אזוינע מיט בלוט צוזאמענגעקלעפטע קאלטענעס; דער האלדז איז אויפגעשוואלן — איך דערשרעק זיך פאר מיין אייגענער גרוילעכער געשטאלט. איך זע אויס ווי א ווילדער פאנטאזם: דאס בין איך?!..

עס הערן זיך טריט. עס קומען אן דער שעף, דער קאפיטאן און דער אפיציר. דער סארזשענט שטעלט זיך אף און ציט זיך אויס ווי א סטרו־נע. עס בלייבן אויך ווי אנגעצויגענע סטרונעס „אונדזערע" באמבעראס. איך שעם זיך אויפצוהויבן מיין העסלעך פנים אקוק צו טון אפן קאפיטאן, וועלכער שטייט שוין נעבן מיר. ער בייגט זיך אראפ. פרעגט:

— ווי פילט איר זיך?

— אזוי...

— איז אייך דא בעסער?

— אזוי...

— האָט איר הײַנט שוין געגעסן?
— ניין.
—נעכטן האָט איר געגעסן?
— ניין.
— אייענעכטן האט איר געגעסן?!
—עפּעס...
— ווילט איר עפּעס?
— וואסער.

דער קאפּיטאן אליין שעפּט אָן א טעפּל וואַסער און דערלאנגט מיר. איך באַנעצט מיט דעם מײַן שטיק לייוונט, וואס איך האָב אָפּגעריסן פון העמד און לייג דאס צו צו דער בייל איבערן אויג וואס רייסט און שטעכט.

דער קאפּיטאַן, דער שעף און דער אפיציר האבען זיך עפּעס גע־שושקעט און זיינען ארויס.

עס האבן אנגעהויבען קומען וויזיטאנטען־הויכגעשטעלטע באאמטע און פּערזענלעכקייטען. מאנכע האָבן געמאכט דעם איינדרוק פון פּסיכאָ־לאָגן, קרימינאל פּארשער, אנדערע פון באזארגטע שטאטסלייט, נאך אנ־דערע האָבן געגעבען אנצוהערען, אז זיי זיינען די פארשטעער פון דער סאציאלער ארדנונג, פון דער יוסטיץ, פון דער מאַכט. זיי זיינען איינציק־וויֵיז, פּארוויֵיז אדער גרופּעסוויֵיז געקומען אין באגלייטונג מיטן שעף אדער מיטן קאפּיטאן אדער מיטן אפיציר אדער מיט באאמטע פון דער געהיים פּאליציי, פון „ארדען סאציאל“. זיי קומען, שטעלן זיך ארום מיר באקוקן מיך, מורמלען עפּעס צווישן זיך. שטעלן מיר טעמפּע פראגעס וואס האָבן מיך שוין דערעסן.

די שטאטס־לייט האָבן געדרייט זייערע ווערטער און זייערע פראגעס ארום געזעצן, געזעצלעכקייט; ריכטער האבן גערעדט און געפּרעגט ארום פּארברעכנס און שטראף; מיליטעריסטן האָבן גערעדט פון „פּארטיידיקן“ די „ארדנונג“ נישט אראפּנעמענדיק די האנט פון דער שווערד; נאך אנ־דערע האבן געשטעלט פראגעס וואס האבן גאר קיין שייכות נישט געהאט מיט מיר נישט מיטן מאמענט און ס׳איז נישט געווען קיין צוזאמענהאנג

צווישן איין פראגע און דער צווייטער, און אנדערע האבן גארנישט גע־פרעגט, גארנישט גערעדט, נאר עפּעס אזוי מאדנע מיך באקוקט.

מיטיקצייט האָט זיך דער וויזיטאנטן שטראם, וועלכער האָט געהאט די פּריווילגיע צו געלאזט צו ווערן צו מיר, נישט קוקנדיק אף דער אומ־קאָמוניקאציע, אפּגעשטעלט. האָב איך זיך אזוי צוגעשפּארט אף די ציגל און געדרימלט מיט א רויש אין קאָפּ און מיט אזעלכע פאנטאזמען פאר די פארמאכטע אויגן, און אזוי פאנטאזירנדיק פון קיין מאל נישט געזעענע פארמען פון מארד און טויט, דערהער איך טריט, אסאך טריט און א גע־לויף אין קאמער, און ווערטער הערן זיך אזוינע ווי:

— די מאנטלען, שנעל, די מאנטלען, אהער! דאָ!..

— אָט איז געקומען דער סוף, טראכט איך אזוי אין דרימל. מ'האָט שוין געברענגט די „מאנטלען"... איך דערפיל עפּעס אזוי ווי א שטאך פון וואס דאס אויג האט זיך אויפגעריסן. „וואס טוט זיך דאָ?" פרעג איך זיך.

דער שעף אליין לויפט ארום איבער דער קאמער, קאמאנדעוועט מיט דער גרופּע באמבעראס. א טייל פון זיי שטייען מיט מאנטלען און דעקעס און אנדערע קערן און רייניקן און ווישן איבער מיט א נאסע שמאטע דער ציגלנער פאדלאגע, דערנאך בעט מען אונדז אוים געלעגערס פון די מאנטלען און דעקעס; איין געלעגער פאר מיר, א צווייטן פארן „מיניסטער" און א דריטן פארן „פּאליציי־שעף".

ווען אלץ איז אין ארדענונג קומט צו צו מיר דער שעף און מאכט גוט־מוטיק:

— נו, ווי פילט איר זיך?

— אזוי...

— דער געלעגער איז פאר אייך... אלץ בעסער ווי אף די ציגל. נישט אזוי?

— געוויס.

דער שעף גייט ארויס. אין א ווײַלע ארום הערן זיך אנקומענדע טריט.

— דער וויזיטן שטראם הויבט זיך ווידער אן! — טראכט איך. עס קו־מען אן צוערשט „מיין" אפיציר און „מיין" קאפּיטאן, הינטער זיי קומט

אן דער שעה און הינטער אים — א קליינע גרופּע מיטן דר. אַלפרעדאָ ל. פּאַלאַסיאָס אין פראָנט—

עס האָט אין מיר עפּעס א צאַפּל געטון.

זיין געשטאַלט האָט א שיין געטון ווי א זון, וואס האָט אין מיר אָנ־געצונדן א האָפנונג פון לעבן, נאָכדעם ווי יעדע האָפנונג איז אין מיר שוין געווען טויט. איך האָב דערשפּירט א שטראַל פון רעטונג און האָב דערפילט ווי אַט רייסט זיך אַרויס פון מיין פאַרבלוטיקטן האַלדז:

— חבר פּאַלאַסיאָס!

אבער דאָס וואָרט איז געבליבן שטעקן אין האַלדז, כ׳האָב דערשפּירט א שטראָם טרערן וואס רייסן זיך צום אויג און האָב זיי איינגעהאַלטן שלינ־גנדיק זיי אין זיך אַריין, בלייבנדיק ווי שטום און צוגעקלעפּט צו דער וואַנט.

אַלע האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום מיר מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און אויגן, און צווישן דער דאָזיקער כמארע רוקט זיך אַרויס דאָס ליכטיקע פּאַלאַסיאָס־פּנים און ער הויבט אָן מיט זיין, מיר אַזוי באַקאַנטער, שיין קלינגנדער שטים:

— זענט איר...?

דער פראַגע־טאָן האָט מיך אָפּגעגאָסן ווי מיט קאַלטע וואַסער. כ׳האָב שיר געענטפערט:

— וואָס? איר... אויך... אַזוינע פראַגן?!...

נאָר איך האָב זיך אָפּגעהאַלטן. ס׳איז פּלוצים פאַר מיינע אויגן פאַר־שוואונדן יענער פּאַלאַסיאָס, וואס איז מיר געווען אַזוי האַרציק און וועל־כער האָט נאָר וואָס אָנגעצונדן אין מיר א לעבנס האָפנונג, און עס איז איצט שוין געשטאַנען פאַר מיר איינער פון יענע פּערזענלעכקייטן, פון די פּריווי־ליגירטע וויזיטאַנטן, וואס קומען אַף מיר קוקן ווי אַף א בייז וואונדער, אָדער קומען מיך אויספאָרשן און מיך נעמען אַפּן פאַרהער. און עס האָט פאַרדראָסן. באַלד איז מיר אַרויף א געדאַנק: אפשר איז די לאַגע אַזאַ, אַז מען טאָר זיך נישט געבן צו דערקענען אין די אויגן פון דער דאָזיקער סוויטע? אבער איז אין דער אמתן אין דרויסן, אַף דער פריי אַזאַ איבער־

קערעניש? איך ווייס אז פּאלאסיאס איז קיין מאָל נישט געווען קיין פּחדן, איז שטענדיק אויסגעוואקסן אױף די געפערלעכסטע ערטער, קיין מאָל נישט פארלייקנט דאס וואס אים איז געווען טייער, שטענדיק גרייט געווען אפילו מיט געווער אין די הענט צו קעמפן פאר דער סאציאַליסטישער זאך, אננעמען זיך פאַרן כבוד פון סאציאליסטישן ווארט, פארוואנדלענדיק זיך אין דעם דאָן קיכאָט פון ארגענטינער סאציאַליזם. אויב פּאלאסיאס — טראכט איך — היט זיך פון מיין באקאנטשאפט, ווער ווייסט וואס עס טוט זיך?!... ס'האָט אפילו אויך דורכגעבליצט א געדאנק, ווען איך האָב באלד פאַר־טריבן און עס האָט פאַרדראסן אפילו נאר זיין דורכבליצן; א געדאנק צי פאלאסיאס איז... אבער איך וויל דעם מיאוסן געדאנק אפילו נישט דערמאַ־נען. איך האָב זיך בעסער אפגעשטעלט אױף דעם געדאנק, אז מיין באקע־נונג צו יעדן וואס איז מיר טייער און ליב, קאָן פאר אים זיין קאמפּראמע־טירנדיק און שעדליך. איך עקזיסטיר מער נישט... נאך א שעה צי נאך א טאג — אלע פּריווילעגירטע וועלן זיך שוין האבן זאט געקוקט און עס וועט נעמען א סוף. איך בין נישט געווען זיכער צו מיין באקענען זיך מיט עמיצן אדער דאס באקענען זיך פון עמיצן צו מיר איז טאקע אין דער אמתן אזוי געפערלעך, נאר טאמער איז דאס יא אזוי? און טאמער וועט מען פרואוון פּראוואצירן מיינע געפילן דורך ברענגען צו מיר חברים, פריינט? האב איך אין זיך באשלאסן אפצושליסן זיך. זאָל מען מיר ברענגען דעם אינטימסטן חבר, וועל איך אױף אים קוקן ווי אױף א פרעמדן, אדער אױף אים אינגאנצן נישט קוקן.

— ווייסט איר אין וואס איר ווערט באשולדיקט?.. — פרעגט ווייטער פּאלאסיאס נאך א לאנגער פּאזע, און עס רוישט איצט זיין שטימע ווי דער רויש פון קאלטע וואסער, וואס גיסט זיך אױף גליענדיק אייזן —

— איך שטעל זיך פאר...

— עס הענגט איבער אייך א שווערע באשולדיקונג...

— פארפאלן!

פאלאסיאס האט זיך העפלעך פארנייגט פאר מיר און איז, צוזא־מען מיט דער סוויטע, וואס האָט נישט אראפגענומען די אויגן פון אונדז, ארויס.

כ'האב זיך פארגעשטעלט אז אין דרויסן, אף דער אנדערער זייט פון די טורמע ווענט, הערשט דער ווייסער טעראר און נעמט נקמה, כ'האָב אבער דאך ניט געגלויבט, אז פאלאסיאס זאל האָבן איבערגענאנגען אין „פארטיידיקונגס" לאגער. פארקערט: ווי פארדריסלעך עס איז געווען זיין פרעמד־קאלטע באציאונג; ווי פארדראסן עס האט מיך די דאזיקע ערש־טע באגעגעניש מיט א מענטש פון דער פרייהייט, האב איך דאך דער־שפירט א פארלייכטערונג נאך פאלאסיאסעס וויזיט.

פאלאסיאסעס וויזיט האָט ווי אוועקגענומען מיטן האנט דעם טויט; וועלכער איז נישט אפגעטראטן פון מיינע אויגן. אין דער פערזאן פון פא־לאסיאסן איז דא, בא מיר, אין דער פארבאָרגענער קאמער געווען די עפענט־לעכקייט. און א געריכט וועט מען דא שוין נישט אוועקווילענען...

— דער וויזיטן שטראם האָט זיך באנייט.

— זיי זיינען „ראדיקאלן" — רעדט צו מיר א באיארנטער מאן, אין דער שטיל, אף דייטש — מ'דארף זיי קוקן אף די הענט... זיי זיינען צו אלץ פעיק...

— קען זיין...

— איר זיינט א פרודאניסט?...

— ניין.

— א מארקסיסט?...

— יא.

— לענין און טראצקי זיינען אויך מארקסיסטן?

— איך מיין אז יא.

— קענט איר זיי פערזענלעך?...

— ניין.

— האלט איר פון די באלשעוויסטישע מעטאדן?

— די פראגע איז צו אלגעמיין. מ'דארף גענוי וויסן די מעטאדן.

— די וואס ווערן איבערגעגעבן דורך די טעלעגראמעס.

— איך גלויב נישט די טעלעגראמעס, איך מיין זיי זיינען פאלש.

— ווייסט איר דורך אנדערע קוועלן וואס עס פאסירט אין רוסלאנד?

— ניין.

— איז אמת, אז די באלשעוויסטישע רעגירונג האט דא א פארבינדונג?...

— דאס ווייס איך נישט.

נישט אלע וויזיטאנטן האבן מיט מיר גערעדט. אסאך האבן מיך נאר באקוקט און זיך צוגעהערט וואס אנדערע רעדן.

די וויזיטן הויבן אן קומען און אוועקגיין גרופעסווייז.

— קענט איר דעם דעפוטאט מארענא? פרעגט איינער פון א גרופע.

— פערזענלעך נישט. נאר דער נאמען איז מיר באקאנט, האב געלייענט זיינע פארלאמענטארישע רעדעס.

מען שטעלט מיר פאר מארענאן. ער שטעלט איינינגע נישט אינטערעסאנטע פראגעס, אף וועלכע איך ענטפער אבי געענטפערט. צום סוף פרעגט ער:

— קענט איר בארראסן?

עפעס קלינגט מיר דער נאמען יא און נישט קענטלעך, אבער דער טאן פון דער פראגע געפעלט מיר נישט און איך ענטפער:

— ניין.

— איר קענט נישט דעם באוואוסטן אנארכיסטישן אגיטאטער!...

— אבער צו וואס די פראגע?

— אזוי זיך...

— וויבאלד אזוי זיך, וועט איר מיר דערלויבן נישט צו ענטפערן.

די גרופע מיט'ן דעפוטאט מארענא איז אוועק און עס איז געקומען א צווייטע.

— איר קענט דעם דעפוטאט מעלא, פרעגט מיר איינער וועמענס פנים עס האט נישט קיין באזונדערן אויסדרוק, נאר עס שפירט זיך פון אים דער פערפום און דער שמינק פון דער פלארידא גאס און פון זשאקעי קלוב.

איך האָב זיך דערמאנט אין א נאטיץ, וואס חברים האָבן געבערענגט פון פּלאסא קאנגרעסא אין יענעם הויז אף בערמעכאָ, אין טאג ווען ס'האט זיך אנגעהויבן די רעאקציע. יענע נאטיץ האָט געזאגט אז דער דעפּוטאט מעלאַ האט געהאלטן א העץ־רעדע פאר די ווייס־גווארדאיער צו „פּארטיי־דיקן" דאס לאנד קעגן דער „מאקסימאליסטישער געפאר" —

— ניין איך קען אים נישט. איך ווייס נאר, אז ער איז א לידער א „ראדיקאל"...

פארן אוועקגיין האָט מיר איינער געזאגט אפן אויער, אז דער פרעגער איז געווען מעלאַ אליין.

די דאזיקע וויזיטן האָבן געדויערט ביז פארנאכט. ווען זיי האָבן זיך געענדיקט האָט א באמבערא אונדז אריינגעבערענגט צו שטיקלעך פלייש און ברויט.

איך האָב זיך אנידערגעזעצט אפן געלעגער און זיך צוגעכאפּט צום דאזיקן ערשטן מאלצייט נאך דריי טעג פאסטן. די פאדערשטע בייס־ציין זיינען געווען ארויסגעשלאגן, די ליפּן געשוואלן, דאס פּנים געשוואלן. דער שלונג שוין אפּגעוואוינט צו עפּעס אנדערש אויסער וואסער, און דער מאגן קאָן אויך ניט איבערקאָכן די הארטע ניט צוקייטע שטיקלעך ברויט און פלייש, וואס איך האָב אים אראָפּגעשיקט — דאָס אַלץ האָט געשאפן א פיינלעכן מאָלצייט, א מין עסנדיקע עקזעקוציע מיט דעם אונטערשיד, וואס נאָך יעדער אנדערער עקזעקוציע האָט גערינען בלוט און איצט האָט גערינען פון מיר דער שווייס.

קיינער האָט מיך אבער נישט געצוואונגען אויפצועסן די גאנצע פּאר־ציע, האָב איך איבערגעלאָזט מער פון האלב און פארטרונקען מיט וואסער.

מען האט זיך צוגעשפּארט, אבער באלד ווי מען האט אנגעהויבן איינשלאָפן זיינען אריין באמבעראס און צוגענומען די געלעגערס.

די נאכט איז צוגעפאלן. ס'האָט זיך אנגעצונדן דאס קליינע פּאר־שטויבטע לעמפּל וואס שטעקט אין מיטן גרויען סופיט און צעשיט געלבלייכע שפּיזלעך אין דער שווארצקייט פון דער קאמער.

דער טומל, וואס האָט זיך געטראָגן פון הויף איז פאַרשטומט געוואָרן. ווי א שטומער זיצט דער סאַרזשענט אין דער טיר, שטום־שלעפּערדיק זיינען געבליבן די אינוויייניקסטע באַמבעראַס מיט זייערע ביקסן אנטקעגן אונדז און שטום און סודותדיק שטייט דער לאָך אין דער אנטקעגנדיקער וואַנט און קוקט אויף אונדז מיט זיין פינצטערניש...

דרייצנטער יאַנואַר

דער פרימאָרגן איז אויך היינט א שיינער, א פרישער, א רייצנדער און א רופנדער.

דער סאַרזשענט זיצט, אזוי ווי נעכטן, אין דער טיר. די אינוועניקסטע באַמבעראַס שטייען, אזוי ווי נעכטן, מיט זייערע אנגעלאָדענע און אנגע־שפּיזטע ביקסן קעגן אונדז; אזוי ווי נעכטן ליגט דער „מיניסטער" אויף זיין אָרט און דער „פּאָליציי שעף" אויף זיין אָרט, און אזוי ווי נעכטן האָט מען אויך היינט ניט געגעבן קיין פרישטיק, קיין ביסל וואַרימס דורכצושווענ־קען די קישקעס.

ווידער קומען וויזיטאַנטן; ווידער שטעלן זיי אזוינע ביטערע און נודנע פראַגן, שוין טויזנט מאל געהערטע; שוין טויזנט מאל דערעסענע.

ליג איך אויף די ציגל מיט פאַרטראַכטע אויגן און הער ווי מען קומט אריין. מען דערמאָנט מיין נאָמען, מען רעדט וועגן מיר, אָבער עס וועקט ניט מיין נייגיר. איך קוק זיך אפילו ניט אום.

— ווער איז וואלד? ווער איז וואלד? הער איך ווי איינער איז אריין מיט אומגעדולדיקע טריט. אָט איז ער איבערגעבויגן איבער מיר און פרעגט מיט אזא ציטער:

— וואלד! דאָס זיינט איר?..

— יאָ — ענטפער איך ניט אומקוקנדיק זיך.

— חבר וואלד! איך ברענג אייך א גרוס פון דער סאציאליסטישער פארטיי... איך בין פעדעריקאָ פינעדאָ — פליסטערט ער שטיל.

דאס הארץ האט א ציטער געטון. שוין אזוי לאנג נישט געהערט אזא הארציק ווארט...

איך האב זיך אויפגעשטעלט, א קוק געטון אף זיין יונגן ליבן פנים, אף זיינע ווארימע אויגן, אבער באלד איז מיר געקומען אף דער צונג דער סם פון אומצוטרוי און אין קאפּ האָט א שלאג געטון דער געדאנק פון „ניט קאמפּראמעטירן", האָב איך אונטערדריקט אין זיך די חברלעכע געפילן, וואס האָבן זיך געוואלט ארויסרייסן, האָב איינגעהאלטן די האנט, וואס האָט זיך געריסן אנצוכאפּן די אויסגעשטרעקטע האנט פון פינעדאָן און האָב, כמעט קאלט, געענטפערט:

— איך דאנק אייך פארן גרוס...

דער אפיציר, וואס האָט ארײַן באגלייט פינעדאָן האָט זיך געשטעלט נעבן אונדז און אנגעשפּיצט זיינע אויגן און אויערן.

— דער צענטראל קאמיטעט פון אונדזער פארטיי האט באהאנדלט אייער ענין און באשטימט אייך יורידיש צו פארטיידיקן, האָט פינעדאָ אנגעהויבן צו רעדן זאכלעך ווי ער וואלט באגריפן מיין געמיט־צושטאנד.

דער וואָרעם פון צווייפל האָט זיך אין מיר געוואָרפן און האָב אף פינעדאָס דערקוויקנדיקע נאטיצן אלץ געענטפערט מיט דעם גארנישט זאגנדיקן—

— „דאנק".

— אונדזער פארטיי קאמיטעט האָט איצט פארמירט א יורידישע קאָמיסיע פאר דער באפרייאונג פון די ארעסטירטע סאציאליסטן — האָט פינעדאָ אלץ ווייטער גערעדט פשוטער, קלארער, אָן סענטימענטן, ווי ווײַלנדיק צושלאגן מיין צווייפל, וואס ער האָט, קענטיק, אף מיר געזעען — מאריאָ בראוואָ, ענריקע דעל וואזשע איבערלוסעאָ, איך און אנדערע פּאר־טיי מיטגלידער־אדוואקאטן האָבן מיט כבוד אנגענומען די דאזיקע מיסיע. איר קענט זיך אויסקלייבן וועמען איר ווילט פאר אדוואקאט. איך ווי די אנדערע חברים אדוואקאטן באָטן זיך גערן אָן.

— איך דאנק אייך...

— דער חבר קאַפּלאַנסקי האָט איבערגעגעבן אייניקע דאַטעס וועגן אייך אין „לאַ וואַנגואַרדיאַ“.

— איך וואָלט אַזוי געוואָלט זעען אַ צייטונג...

פינעדאָ האָט אַרויסגעכאַפּט „לאַ וואַנגואַרדיאַ“ פון קעשענע, אָבער דער אָפיציר האָט פאַרבאָטן מיר די צייטונג צו געבן. דאָ האָט פינעדאָ אים דערקלערט אַז ער, אַלס מיין אַדוואָקאַט, מוז וויסן צו די איבערגע־געבענע דאַטעס וועגן מיר זיינען ריכטיק. דער אָפיציר האָט אים נאָר דער־לויבט איבערצולייענען אין דער הויך דעם ביאָגראַפישן נאָטיץ וועגן מיר.

צום סוף האָט מיר פינעדאָ וואַרים געדריקט די האַנט און געזאָגט:

— זייט רויק, חבר, מיר וועלן זיך נאָך זעען אויף דער פריי! און איז אַוועק.

איז דאָס נישט קיין חלום?

נאָכמיטאָג — אַ צווייטע איבעראַשונג: אין דער טיר פון דער קאַ־מער האָבן זיך באַוויזן מאָנטעסאַנאָ און לאַוזעט. עס איז געווען אַ פריידי־קער גרוס פון דער אַרגענטינער אַרבעטער פעדעראַציע.

— אָ, חבר, וואָס מאַכט איר? — האָט מאָנטעסאַנאָ אַרויסגעפלייגט זיין געזונטע, שווערע, וואַרימע האַנט אויף מיין אַקסל.

— איר זעט דאָך... האָב געהאַט דעם כבוד באַשטימט צו ווערן פּרעזידענט פון דער אַרגענטינער „סאָוועטן רעפּובליק“!...

מאָנטעסאַנאָ און לאַוזעט שמייכלען.

— אַלס דעלעגאַטן פון דער אַרגענטינער אַרבעטער פעדעראַציע — רעדט לאַוזעט — האָבן מיר אָפּגעמאַכט מיט דער רעגירונג צו פאַרענדיקן דעם גענעראַל שטרייק אויף דער קאָנדיציע, אַז אַלע אַרעסטירטע זאָלן באַפרייט ווערן — דאָס גייט צו שווער. דריי טויזנט פינף הונדערט אַרעס־טירטע, אָבער מיר וועלן זיי אַרויסנעמען — באַטאָנט מיט שטאָלץ לאַו־זעט, ווי ער וואָלט זיך געריצט מיטן פאַרטרעטער פון „אָרדען סאָציאַל“, וועלכער שטייט דאָ אַלס שומר.

— דריי טויזנט פינף הונדערט!

— יאָ, און באַזונדערס שטייט אין אונדזער קאָנדיציע די באַפרייאונג פון אייך און אייער חברטע ראָזע ווײַנשטיין.

— איז זי נאָך אַרעסטירט?...

— יאָ, זי געפינט זיך אין פּאָליציי דעפּאַרטאַמענט און מיר וועלן טאַקע ניט אַפּטרעטן ביז מ'וועט זי באַפרייען. היינט נאָך. באַלד.

דאָס איז געווען אַ גרויסער טרייסט. איך בין מונטערער געוואָרן און האָב זיך וואַרים געזעגנט מיט די דעלעגאַטן פון דער אַרבעטער פעדע־ראַציע.

און ווי אַ גוטער אָפּקלאַנג פון דאָזיקן וויזיט האָט מיר אַן אָפיציר געבראַכט עטלעכע פּעקלעך ציגאַרעטן מיט שוועבעלעך, געשיקט פון דער אַרבעטער דעלעגאַציע, וואָס האָבן מיך דערוויקט און מיך פאַרווײַלט אין דער פינצטערער איינזאַמקייט נאָך אַזוי פיל טעג נישט רויכערן.

דער דרײַצנטער יאַנואַר איז מיר געווען אַ מזלדיקער, אַ פריילינג. אין דעם טאָג האָב איך דערפילט אַ אינערלעכע פרייד. עס האָבן אויפ־געבליט האָפנונגען.

פערצנטער יאַנואַר

די בלויע פּאַרטאַג דערמערונג שטייט בײַ דער טיר פון דער נאַכטלע־כער קאַמער, וואו די געלע שפּיזלעך פון דעם פאַרשטויבטן לעמפּל, וואָס איז ווי צוגעקלעפּט צום גרויען סופיט, ווערן אַלץ קורצער און טונקעלער.

דער „פּאָליציי־שעף" און דער „מיניסטער" ליגן צוזאַמענגעקאָרטשעט, אומבאַוועגלעך, און אין דער טונקלהייט פון דער קאַמער זעען זיי אויס ווי צוויי בערגלעך שמאַטעס.

די דרײַ אינוועניקסטע באַמבעראָס שטייען אויף זייערע ערטער אַזוי שטיל, אַזוי אומבאַוועגלעך פּונקט ווי זיי וואָלטן, שטייענדיק, געשלאָפן מיט אָפענע אויגן.

די צייט ציט זיך לאַנגזאַם און פויל. דער סאַרזשענט, ווי ער וואָלט

אויך געהיטן די צייט זי זאל נישט אנטלויפן, זיצט אלץ אין דער טיר אזוי ווי נעכטן, אזוי ווי אייערנעכטן און, דאכט זיך, אז ער זיצט אזוי פון אייביק אן...

צווישן מיטיקצייט און פארנאכט קומט אריין אין קאמער „מיין" קאפיטאן, דער אפיציר און צוויי באוואפנטע באמבעראס.

אז דער קאפיטאן קומט אין באגלייטונג מיט באוואפנטע באמבעראס האט דאס באדייט מיך אדער דעם „מיניסטער" אדער דעם "פאליציי־שעף", אדער אונדזער גאנצן „קאבינעט" ערגעץ צו פירן. דאס מאל האט מען דערמאנט מיין „כבוד". מען האט ניט געזאגט וואו אהין און וועגן וואס מען פירט מיך. איך האב אויך ניט געפרעגט. צי וואס? איך האב נאר גע־פרעגט דעם קאפיטאן צי איך דארף מיטנעמען „אלע מיינע זאכן". ער האט געענטפערט אז ניין, האב איך פארשטאנען, אז איך דארף זיך מיט דער קאמער נאך ניט צוזעגענען.

דער גאנצער מארש האט געדויערט א מינוט. מ'האט מיך נאר איי־בערגעפירט אין א אנדערער קאמער אף דער זעלבער גאלעריע רעכטס. יענע קאמער איז אבער געווען א גרעסערע, א ליכטיקערע און עס איז געווען אין איר מעבל: אן אלטער אפגעריבענער טיש. נעבן אים א לאנגע האלצערנע באנק, וואס אף איר איז געזעסן א עלטערער פארשוין מיט א קיילעכדיק געשטיפלט פנים, באזעצט מיט קורצע שטייפע־גרויע הערעלעך. פון אונטער זיין שמאלן שטערן האבן אפויר געשטארט א פאר אנגע־שטרענגטע וואסערדיקע אויגן. פאר אים אפן טיש איז געלעגן א פארטפעל מיט פאפירן און עס איז געשטאנען טינט און פעדער.

— גוטן טאג, וואלד, זיצט — האט דער דאזיקער פארשוין א זאג געטון מילד און היימיש, ווי איך וואלט געווען זיינער א אלטער באקאנ־טער, און מיר אנגעוויזן א פלאץ אף דער זעלבער באנק נעבן זיך.

די צוויי באמבעראס האבן זיך געשטעלט בא ביידע זייטן טיש און דער קאפיטאן מיטן אפיציר אנטקעגן אונדז.

דער פארשוין האט ארויסגענומען א גוט פעקל ציגארעטן, מיך מכבד געווען מיט איינע, אנגעריבן א שוועבעלע, מיר האבן פארויכערט, דער־

נאך בויגט ער זיך צו צו מיר, ווי ער וואלט מיר איינגערוימט א סוד, און מיר געזאגט שטיל:

— איר מעגט צו מיר האָבן דעם פולסטן צוטרוי ווי צו א פריינט און רעדן מיט מיר גאנץ פריי און אפנהארציק... צווישן אונדז רעדנדיק, אזוי זיך, וואס פאר א מיינונג האָט איר וועגן מאקסימאליסטישן אידעאל?

— איך מיין אז מאקסימאליזם איז ניט קיין אידעאל.

— אבער די גאנצע וועלט רעדט דאך איצט פון מאקסימאליזם.

— אמת. נאר איך מיין אז די וועלט טייטשט שלעכט אוים דעם מאקסימאליזם.

— וואס הייסט?

— אין באצוג צו עקאנאמישע, פאליטישע און סאציאלע פראבלעמען קענען זיין צווייערליי פאדערונגען: מינימאלע און מאקסימאלע. ס'איז געווענדט אין ארט, צייט און אומשטענדן.

ער האָט זיך אפגעווישט דעם שוויים און ווייטער געפרעגט:

— און וואס מיינט איר וועגן דער מאקסימאליסטישער באוועגונג דא אין לאנד?

— איר באציט זיך צו די איצטיקע געשעענישן?

— פארשטייט זיך...

— בין איך דאך דא פארשפארט. ווי אזוי קען איך וויסן וואס דרויסן טוט זיך?

— און וואס איז אייער מיינונג וועגן דער זעלבער באוועגונג ביז דעם טאג ווען מ'האָט אייך ארעסטירט?

— די גאסן־אומרוען זענען געווען כאאטיש. אין די אפגעטוענע שאדנס האָט זיך נישט געזעען קיין ציל. די אפוועזנהייט פון דער פאָליציי איז געווען שאקירנד...

— מיינט איר עס איז געווען א ספאנטאנער אויסדרוק?

— קאָן זיין.

— אבער פון עפעס האָט דאס געמוזט ארויסקומען...

— קאָן זיין... דאס פאקטישע איז געווען די שחיטה בא וואסענאס

מעטאַל פאַבריק אַף די שטרייקענדע אַרבעטער, קענען וואָס די אַרבעטער פעדעראַציע האָט גערופן צו א גענעראַל שטרייק אַף פיר און צוואַנציק שעה אַלס פּראָטעסט, וואָס דאָס האָט געגעבן א געוויסן כאַראַקטער דער ספּאָנטאַנישער באַוועגונג, וועלכע האט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר דעם רוף פון דער פעדעראַציע. די ווייטערע פּאַסירונגען האָבן שוין אַליין פאַר־לענגערט דעם שטרייק. די אויפגעברויזטע געמיטער האבן ניט דערלויבט אומקערן זיך צו רויקער אַרבעט.

— ריכטיק.

ער ציט נערוועז דעם רויך פון ציגאַרעטל. ווישט זיך דעם שווייס און זאָגט:

— קענט איר עפּעס זאָגן וועגן דעם פרעמדן עלעמענט אין דער באַ־וועגונג?

— ניין.

— פאַרוואָס?

— ווייל ער איז מיר פרעמד.

— א מאַקסימאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע איז אָבער שוין געווען צו באַמערקן נאָך מיט א צייט פריער...

— אפשר... פּראָפּאַגאַנדע פון א סאָציאַלן אָדער פּאָליטישן כאַראַק־טער איז דאָך אין דער פרייער רעפּובליק, געזעצלעך און קאָנסטיטוציאָנעל נישט פאַרבאָטן...

ער ווישט ווייטער דעם שווייס, שרייבט, און פאַלט פּלוצים אַריין מיט אַזא פראַגע:

— וואָס פאַר א פּסעוודאָנימס האָט איר אונטערגעשריבן אונטער אייערע פּובליציסטישע אַרטיקלען?

— קיינעם נישט.

— האָט איר א סאַך געשריבן וועגן מאַקסימאַליזם?

— איך האָב געשריבן, קיין חשבון האָב איך נישט געפירט.

— וואָס פאַר א כאַראַקטער האָבן אייערע אַרטיקלען געטראָגן?

— אַן אויפקלערערישן.

— און די לייט־ארטיקלען וועלכע איר שרייבט נישט אונטער, וואס פאר א כאראקטער האָבן זיי געטראגן?

— אן אויפקלערערישן.

— אבער, שרייבנדיק מאכט זיך, אז מען באמערקט נישט וואס אין דער טינט שטעקט און מען קאָן זיך צייטנווייז נישט קאנטראלירן. די פען נישט איינהאלטן... נישט אזוי?... איך בין אויך א זשורנאליסט...

— אפשר, נאר מיר שיינט, אז איך קאָן זיך יאָ קאנטראלירן און נישט שרייבן דאס, וואס איך וויל נישט, וואס איז קעגן מיינע איבער־צייגונגען, מיין געוויסן.

— זיינען דא נישט פאראן אזוינע ספעציעלע מאקסימאליסטישע ארגאניזאציעס, וואס האָבן דירעקטע פארבינדונגען מיט דער מאקסימא־ליסטישער רעגירונג פון לענין און טראצקי?

—איך קאן נישט זאגן צי אזוינע ארגאניזאציעס זיינען יא דא, אדער נישטא.

— פארוואס?

— ווייל איך ווייס ניט פון זיי.

— און איר אליין האט ניט אנטייל גענומען אין אזא ארגאני־זאציע?...

— ווי קאן מען אנטייל נעמען אין א ארגאניזאציע פון וועלכער מען ווייסט ניט?

— ריכטיק, יא... אבער... איר פארשטייט... חברים... מען האָט צו זיי צוטרויען און אז עס קומט צו עפעס פארראטן זיי...

— פארראטן!...

— יא. צום באדויערן... אייערע נאענטסטע חברים...

מיין פארהערער האָט דאס געזאגט מיט אזא קינסטלערישער נא־טירליכקייט און פשטות, אז עס איז אריין אין קאפּ און עס האָט דארט אנגעהויבן עפּעס טומלען.

— ווער איז דאס?...

— אבער איר פארשטייט דאך, אז סודות וואס ווערן אונדז איבער־געגעבן, טארן מיר ניט אויסגעבן. דאס איז אונדזער הייליקסטער געזעץ...

— ניין. זיי האָבן ניט פארראטן. זיי האָבן עפּעס אויסגעטראכט, אדער מ׳האט זיי געצוואונגען עפּעס אויסצוטראכטן!..

דער „שמועס" האָט זיך געענדיקט. ס׳איז געווארן שטיל און אין דער שטילקייט האט זיך נאר געהערט דאס קריצן פון דער שפּיץ פעדער אף דעם ווייסן פּאפּיר. פון צייט צו צייט האָט זיך די פעדער אפּגעשטעלט, איבערגעווארט זיינע, שוין ניט אינטערעסאנטע, אבער פאר אים וויכטיקע פראגעס, און מיינע ענטפערס, און ווייטער זיך געטונקען אין טינט און זיך געקריצט איבערן פּאפּיר. ווען ער איז פארטיק געווארן, האָט ער מיר גע־געבן די באשריבענע בויגנס איבערצולייענען, ווישנדיק זיך דעם שוויים. איך האב זיי איבערגעקוקט און אונטערגעשריבן.

מיין פארהערער איז גאר געווארן פוטערדיק צו מיר. נאכדעם ווי ער האט מיר פארזיכערט, אז אנגעזעענע פּערזענלעכקייטן פאראינטערע־סירן זיך פאר מיין באפרייאונג, האט ער, פארן געזעגנען זיך, עפּעס גע־רעדט מיטן קאפּיטאן און מיטן אפיציר, פון וואס איך האָב נאר אויפ־געכאפּט:

— באציען זיך מיט אכטונג...

איך האב דערפילט, אז עפּעס א שטיקל ענדערונג, צום בעסערן, איז דאך פארגעקומען: איך בין געווארן אוים הפקר זאך. ביז איצט איז אף מיר געשטאנען א סטעמפּל: „אָן אכטונג" און איצט האט זיך דאס ווארט, ווי דורך א צויבער אפּגעמעקט.

מ׳דארף זיין אפּגעשלאסן פון דער פריי, אין א מאמענט פון ווייסן טעראר און אין די הענט פון די, וועמענס פּראפעסיע עס איז צו מאטערן, אף צו פארשטיין און צו פילן דעם זינען פון די צוויי ווערטער: „אָן אכ־טונג" אדער „מיט אכטונג".

איך האָב זיך דערפילט זיכערער, מענטשלעכער, וויכטיקער, כאטש מיין סוף איז נאך אלץ געווען א פינצטערער...

אין דער קאמער, אין וועלכער מ׳האט מיך צוריק ארייננעפירט, האט

זיך קיין זאך ניט געביטן: דער „פּאָליציי־שעף" ליגט אין זיין ווינקל, דער „מיניסטער" — אין זיין ווינקל; די באוואפנטע באמבעראס שטייען אַלץ נאָך, ווי פאַרגליווערטע, אויף זייערע ערטער און דער סאַרזשענט זיצט אין דער טיר ווי איינגעמויערט. נאָר איך האָב זיך געפּילט עפּעס יאַנטעוודי־קער. עפּעס א קלייניקייט: „מיט אכטונג"!... און דערצו האָב איך געהאַט א פאַרגעפיל, אַז איך בלייב שוין דאָ נאָר אויף דערוויילע, וועל דאָ שוין ניט נאָכטיקן.

פאַרנאַכט ווען אין קאַמער איז שוין אַלץ איינגעהילט געווען אין א טונקעלעניש, קומט אין איילעניש אַריין דער שעף, גייט צו צו מיר און זאָגט:

— נעמט דאָס רעקל און קומט!

כ'האָב זיך אָנגעהאָנגען דאָס רעקל און בין מיט אים אַרויס, ניט ווייסנדיק, אַז איך וועל זיך שוין אין דער קאַמער מער ניט אומקערן. גיי־ענדיק אַזוי איבער דער גאַלעריע אין א באַוואָפנטער וואַך האָט מיר דאָס האַרץ געקלאַפּט פון א באַפרייאונגס געפיל און דאָס האַרץ־קלאַפּן האָט זיך אויסגעמישט מיטן הויף־טומל פון באַמבעראָס, פּאָליציאַנטן, סאָלדאַטן, פערד, וואָפן און קייטן־געקלאַנג.

מיר זיינען צוגעקומען צו א ווינקל, וואו דער שעף האָט מיך איבער־געגעבן צו א געהיים אַגענט. ער האָט מיך גענומען אונטערן האַנט און מיך אַרויסגעפירט אויף דער גאַס בעלגראַנאָ, כ'האָב צועפּנט נאָז און מויל און געטרונקען פון ים פרייע לופט. דאָס האַרץ האָט געוואַקסן. ווי אין א וואונדער חלום האָבן אויסגעוויזן די מענטשן, אַן וועכטער, וואָס באַוועגן זיך פריי און גייען איבערן גאַס וואו זיי ווילן... און דאָס פאַרביי פליען פון קאַטשן, אויטאָמאָבילן און דאָס קלינגען פון טראַמוויי, האָט אויסגע־זעען אַזוי יאָנטעוודיק, אַזוי ניי, אַזוי פריידיק...

פון עק בעלגראַנאָ און סאַענז־פּעניאַ איז אונדז אַנטקעגן געקומען נאָך א געהיים אַגענט.

— קאָן איך וויסן וואו אַהין מיר גייען?

— מיר וועלן מאַכן א שפּאַציר, האָט זיך איינער פון זיי אָפּגערופן

אנווייזנדיק אף א רייכן אויטאמאביל, א פרישער, א שווארץ־בלאנקענדי־קער, מיט נייע שטייף אנגעבלאזענע גומינע רעדער, באזעצט מיט מעשענע קנעפ. די צוויי בלישצענדיקע פאדערשטע לאמטערנדלעך מיט זייערע געשליפענע גרינע קריסטאלן, האָבן אויסגעזעען ווי צוויי פארפירערישע אויגן, וואס האָבן קאקעטירט מיטן פעסט געבויעטן שאפער, א פארפוצטן אין א נייעם ברוינעם נעטן אנצוג.

עס איז געווען דעם פאליציי שעפס אויטאמאביל, אין וועלכן מיר זיינען אריין און זיך אויסגעזעצט אויף די ווייכע מיט בעזש־קאלירטן גע־וואנד איבערגעצויגענע געזעסן.

איך אינמיטן און זיי בא מיינע זייטן האָט איינער פון זיי א זאג געטון צום שאפער:

— אין יוסטיץ־פאלאץ.

דער אויטאמאביל האט א קוויטש געטון און זיך גענומען טראגן אי־בער די גאסן ווי אין א וועט־געיעג.

די רייזע האט אינגאנצען געדויערט מינוטן, אין וועלכע מיר האבן קיין ווארט ניט אויסגערעדט.

אנגעקומען צום יוסטיץ פאלאץ, וועמענס טירן און טויערן עס זיינען געווען פארמאכט און באוואכט, זיינען מיר אריין אינווייניק און זיך פאר־פלאנטערט אין אומצעליקע קארידארן פינצטערע, שטילע, סודותדיקע, מיט אזוינע דיקע, הויכע, קיילעכדיקע קאָלאָנען; און אין די קארידארן וואס קרייצן זיך, באוועגן זיך קוים, דא און דארט, שווארצע סילועטן פון נאכט וועכטער.

— ווער איז?

— געהיים פאליציי.

— באוויזן.

— אט איז.

— וואו אהין?

— צום פעדעראל געריכט.

— אין דער שעה!..

און ווייטער שפאנען מיר איבער פינצטערע קארידארן, סודותדיקע, און מיר הויבן זיך אף טרעפ, ארויף, אראפ, און עס עפענען זיך אייזערנע טויערן, וואס לאזן אונדז דורך און פארמאכן זיך אונטער אונדז מיט אזא אייזערנעם ברום, וועלכער קלינגט אפ אין דער גרויסער, טונקעלער ליידיקייט.

מיר זיינען דאך געקומען אין האל פון געריכט־זאל. דארט זעט זיך פון דערווייטנס א גערדיכטער, שווארצער פלעק, וואס האט זיך א באוועג געטון... ס'איז א גרופע מענטשן, וועלכע זיינען געבליבן ווי פארגליווערט און שטום, ווען מיר זיינען א צוואנציק טריט אפגערוקט פארביי זיי.

פאר דער טיר פון געריכט־זאל האט זיך אומגעדרייט א פאליציאנט:

— ווער זיינט איר?

— פון דער פאליציי שעפאטור.

מיר זיינען אריין.

א זייער עלעגאנטער מאן, א הויכער מיט א גלאטן פנים, סימפאטיש אויסזעען, קומט אנטקעגן, באטראכט מיך און טוט א פרעג:

— דאס זענט איר, וואלד?..

— יא.

— גוט. גייט אריין אין זאל.

דער זאל — א מיטעלמעסיקער, מיט טונקל־רויט טאפעצירטע ווענט, טונקל־רויט דאס מעבל. בא דער פאדערשטער וואנט האט זיך אויפגעהויבן א ברייטער, האלב קײלעכדיקער, שווערער טיש, צו וועלכן עס האבן ארויפגעפירט טרעפלעך פון ביידע זייטן. אפן טיש, אנטקעגן דער הויכער לעדערנער ריכטער שטול איז געלעגן א דיקער אויפגעבלעטערטער געזעץ־בוך מיט געקארבטע ברעגן. נעבן דעם ריכטער טיש, אונטן איז דאס ארט פון געריכט־סעקרעטאר. רעכטס — פון פארטיידיקער, לינקס — פון אנקלאגער. אנטקעגן דאס אלץ זיינען געשטאנען די בענקלעך פאר די באשולדיקע און הינטער זיי — אפגעצוימט מיט א פארענטש איז געווען די גאלעריע פאר צוהערער.

קיינער איז אין זאל נישט געווען אויסער מיר און די צוויי פארטרוי־לעכע אגענטן פון דער געהיים פאליציי.

ס'איז געווען זייער שטיל. ס'האָט זיך געהערט אין איר אונדזער אטע־מען בשעת עס איז אריין דער פעדעראל ריכטער. ער האט זיך געשטעלט פאר מיר און עפעס גארנישט צערעמאניאל מיר געשטעלט אזוינע פראגן:

— האט מען אייך געשלאגן בעתן ארעסט?

— ניין.

— וואו דען?

— אין פאליציי דעפארטאמענט.

— וואס איז פארגעקומען בעתן ארעסט?

— גארנישט.

— ווער האט אייך ארעסטירט?

— א מיליטער אפיציר.

— פארוואס האט מען אייך ארעסטירט?

— דאס וויים איך נישט.

— פון וועלכער נאציאנאליטעט זענט איר?

— פון דער אידישער.

— פון וועלכן לאנד?

— פון פוילן.

— זענט איר נאטוראליזירט?

— יא.

— שוין לאנג?

— פיר יאר.

— וועלכער פעדעראל ריכטער האט אייך נאטוראליזירט?

— אריאס, דאכט זיך.

— האט איר שוין מיט עפעס דערפילט אייער בירגערשאפט?

— דריי מאל וואטירט?

— זענט איר שוין לאנג אין לאנד?

— דרייצן יאר.

— זענט איר שטענדיק אין בוענאס איירעס?

— כמעט.

— וואס האט איר געטון פאר דער צייט וואס איר זענט אין לאנד?

— געארבעט.

— בא וואס?

— צוערשט אין פאבריקן. איצט בא זשורנאליסטיק.

— ארבעט איר אין דער אידישער פרעסע?

— יא.

— וואס פאר א פאליטישע טענדענץ פארטיידיקט איר?

— די סאציאליסטישע.

— צו וועלכער פון די דריי סאציאליסטישע פארטייען, וואס עקזיס־טירן דא, זענט איר געגויגט?

— צו דער סאציאליסטישער.

— וואס פאר א אנטייל האט גענומען די סאציאליסטישע פארטיי אין די איצטיקע געשעענישן?

— ביז מיין ארעסט — נאר אויפגעפאדערט נאכצופאלגן דער אר־בעטער פעדעראציע.

— איז אייך באקאנט די אקטואציע פון דער ארבעטער פעדעראציע?

— נאר ביז מיין ארעסט.

— אין וואס האט זי זיך אויסגעדריקט?

— אין א פראטעסט־שטרייק קעגן דער בלוט פארגיסונג אף די אר־בעטער בא וואסענא.

דער פעדעראל ריכטער איז געבליבן שטיל. עפעס נאכגעטראכט, דערנאך איז ער ארויף, זיך געזעצט באם ריכטער טיש און דיקטירט דעם סענטענץ:

— וואלד בלייבט ארעסטירט און אומקאמוניקירט אין דער תפיסה פון יוסטיץ פאלאץ אונטערן רשות פון פעדעראל ריכטער.

דעם ריכטערס באשלוס האט צושלאגן די באפרייאונגס אילוזיע. ווען מ'האט מיך ארויסגעפירט פון זאל האט געשווינדלט אין די אויגן.

פון דערווייטנס אין דער דרויסנדיקער פינצטערניש האט זיך געזעען דער באוועגלעכער פלעק פון צוזאמענגעגאסענע מענטשן סילועטן. ס'איז געווען א קליינע גרופע מענטשן, וועלכע איז געשטאנען אפן וועג, וואו מ'האט מיך דורכגעפירט. פארבייגייענדיק האבן מיר א שיין געטון צוויי פנימער: פינעדאַ און גזיוואַץ. זיינען זיי דא אין דער אמתן געווען אדער עס איז נאר א פאנטאזיע? גייענדיק איבער די פינצטערע קארידארן פון דער גיגאנטישער געביידע איז מיר אלץ געשטאנען גזיוואַץ פאר די אויגן, א פארשטארטער מיט עפעס אזא מוראדיקן אויסדרוק. איז ער טאקע געווען אין יענער גרופע? איז טאקע דארט געשטאנען א לעבעדיקע גרו־פע אדער איך פאנטאזיר?..

ס'איז נישט געווען קיין פאנטאזיע: ווען מ'האָט מיך אריינגעפירט אין קאנצעלאריע, זיינען שוין דארט געווען פינעדא, גזיוואַץ, דער אדוואַ־קאט מאטוראנא און א רעפארטער פון „לאַ ראַזאָן" מיך אפוואַרטנדיק.

פרייד און פארביטערונג, ליכטיקע האפנונג און פינצטערע געדאנקען, חברלעכער עקסטאַז און פארשמידטע גלייכגילטיקייט קיינעם ניט צו קאמ־פרעמעטירן, האבן זיך צונויפגעקנוילט אין מיר, בעת אַף מיר האבן זיך אנגעהאנגען די ליבע אויגן פון חברים, די שטארע אויגן פון די קאנצע־לאריע שרייבער און די שפיזיקע אויגן פון דער געהיים פאליציי. דורכ־גענומען מיט די פארשידענע בליקן בין איך געבליבן ווי פארזונקען אין מיין אומקלארער לאגע און אין די אויערן האט נאר געקלונגען דעם ריכ־טערס באשלוס: „אומקאמוניקירטער ארעסט".

באלד איז אנגעקומען דער ריכטער, וועלכער האט עפעס א זאג גע־טון צום סעקרעטאר. נאכדעם האָט מען מיך אפגעטיילט פון דער גרופע, צו ווארטן אין א באזונדערער קאמער אַף אונטערצושרייבן פאפירן. נאכ־דעם האט מען מיך ארויסגעפירט פון דער ביורא און מיך אראפגעפירט אין א קעלער־הויף, וועלכער איז איבערפולט געווען מיט פאליציאנטן און באמבעראס.

דער ריכטער עסקאָבאַר פאראויס און איך, געפירט פון די צוויי גע־היים אגענטן, נאך אים זיינען אריין אין דער טורמע קאנצעלאריע, וואס

האט זיך געפינען אין א ווינקל פון דעם אונטערשטן טורמע הויף אינם יוסטיץ פאלאץ.

דער ריכטער האט עפּעס אפגערעדט אין דער שטיל מיטן קאמיסאר און איז אוועק.

מ'האט מיך דא ווידער פארשריבן אין ביכער, אויסגעפרעגט אלער־ליי אידענטישע דאטעס און דערנאך מיך אריינגעפירט אין א שמאלן קארידאר, פון וועלכן עס האט א זעץ געטון א אנגעגליטע און שווייסיקע טעמפעראטור. אין דער וואנט, לינקס, זיינען איינגעמויערט געשטאנען שמאלע, הויכע, שווארצע, אייזערנע טירן מיט דיקע ריגלען און שווערע שלעסער אף זיי. און אין דער וואנט, רעכטס, זיינען געווען איינגעפאסט פענצטער מיט געדיכטע באקאווטע גראטעס, און איבער דער לענג פון שטילן קארידאר זיינען אומגעגאנגען ארויף און אראפ באביקסטע באמ־בעראס.

דער וואך־מייסטער האט געעפנט א שווערע אייזערנע טיר, וואס האט געסקריפּעט, זי איז געעפנט געווארן פאר מיר. באלד איך בין ארי־בער די שוועל, האט זיך די טיר פון דרויסן פארמאכט, פארריגלט און פארשלאסן.

ס'האט א זעץ געטון אין פנים אזא הייסע, שטיקנדע טעמפעראטור, אז עס האט אנגעהויבן שווינדלען פאר די אויגן און מארעען אין קאפּ. איך האב געהאט דעם איינדרוק ווי מ'וואלט מיך אריינגעלאזט אין א באק־אויוון. עס האט אנגעהויבן שטיקן. קאנוואולסיוו האב איך גענומען קלאפּן אין דער אייזערנער טיר.

אין דער טיר האט זיך געעפנט א פענצטערל ווי א דלאניע די גרויס.

— וואס קלאפּט איר! האט דער באמבערא דרויסן א מרוקע געטון.

— לופט! מ'ווערט דא דערשטיקט!

דער באמבערא האט, גארניט זאגנדיק, צוריק פארמאכט דאס פענצטערל.

פון דרויסן האבן זיך געהערט שווערע טריט, וואס האבן זיך דער־ווייטערט און באלד זיך דערנענטערט. דאס פענצטערל איז געעפנט גע־ווארן. דער באמבערא איז געבליבן שטיין אנטקעגן.

דאס קעמערל האָט געהאַלטן בא א מעטער די ברייט אַף צוויי מעטער די לענג, פון צעמענט די פאדלאגע און פון אספאלט די הויכע שווארצע ווענט. איבער דער טיר — א שמאל פענצטערל פון גראטעס און אייבערגעצויגן מיט א אייזערנע רעשאטקע. אין דער הויך, אין ווינקל איבער די גראטעס איז געווען צוגעשרויפט א קליין לעמפעלע, וואס האט פארלוירן א פאר געל־בלייכע שטראלן אין קעמערל. צוויי ברעטער אַף א פאר אייזערנע קאזלעס האבן אויסגעפילט די לענג און די ברייט פון קעמערל.

אליין, א פארשלאסענער, האב איך דערפילט ווי עס הויבט אן דריקן עפעס אזא שווערע איינזאמקייט. מיט וואס צושטרייט מען זיך דא?

א שטיקל רויטן בליישטיפט האט די פאליציי פארגעסן אין מיינער א קעשענע —

— „דאס איז דער גערעכטיקייטס פאלאַץ", האב איך דערמיט אויפגעשריבן אַף דער שווארצער וואנט די ערשטע פראזע, וואס איז מיר איינגעפאלן. מער האט זיך ניט געשריבן. דער שפיץ האט זיך מיט דער אייער פראזע איינגאנצן אפגעריבן. איך בין אזוי געבליבן זיצן אין איינזאמקייט און בענקשאפט, דאס הארץ האט געברויזט און אין קאפ האבן זיך געמישט אזוינע פיינלעכע געדאנקען...

נאר אט שליסט מען די טיר. עס רוקט זיך דער ריגל. די טיר עפנט זיך שווער, סקריפנדיק, עס בלייבט אין איר שטיין דער קאמיסאר, הינטער אים דער טורנאָ־אָפיציאל און דער וואך מייסטער.

„אהא! עס הויבן זיך שוין אן די וויזיטן", זאגט עמיץ אין מיר.

— ווילט איר מ'זאל אייך ברענגען עסן? טוט א פרעג דער קאמיסאר.

— פון וואנען ברענגען?

— פון רעסטאראן.

— איך האב בא זיך קיין געלט נישט.

— דער פעדעראל ריכטער האט געלאזן געלט פאר אייך אַף עסן.

„וואס איז דאס פאר א שפאס". טראכט איך. טו א קוק אפן קאמיסאר — ער לאכט נישט! און באמערקנדיק מיין פארלעגנהייט זאגט ער, אָן שפאס, ווידער אמאל:

— זאגט וואס ווילט איר? געלט בעט מען אייך נישט.
— גוט... זאל מען ברענגען וואס עס איז — האב איך געזאגט אפ אפצוטשעפן זיך.

אין א האלבער שעה ארום עפנט זיך די אייזערנע טיר מיט איר געוועלבן סקריפ און מ'שטעלט מיר אריין א צאפלדיקן ביפשטיק מיט געפרעגלטע קארטאפל פון וואס עס שלאגט נאך א פארע. דאס האט מען אריינגעטראגן אף צוויי שניי־ווייסע געגלייזטע טעלער מיט גופל און מע־סער און מיט א ווייס אויסגעפרעסט סערוועטל. דער וואך־מייסטער האט געזאגט: „א גוטן אפעטיט" און פארמאכט די טיר.

בלייבנדיק אליין האב איך זיך צעלאכט פון דאזיקן סורפריז, און ווי וועלנדיק זיך אליין איבערצייגן, אז דאס איז נישט א פאנטאזיע, האב איך גענומען און אויסגעשפרייט דאס סערוועטל אף די ברעטער, אויסגעשטעלט די טעלער און זיך אין דער אמתן גוט אנגעגעסן מיט א געשמאקן מאכל, וואס נאכדעם האב איך זיך אויסגעצויגן אף די ברעטער מעשה פריץ...

פופצנטער יאנואר

נאך עטלעכע טעג און נעכט זיצן דארט אף די ציגל, בין איך נעכטן אביסל געגאנגען, אביסל געפארן, דערשפירט דעם פולס פון גאסן־לעבן, געהאט צוויי פארהערן, געזען א פאר חברלעכע פנימער און צום שלום זיך געזעטיקט מיט אזא נישט דערווארטעטן געשמאקן נאכט־עסן, בין איך נאכדעם אלעם שטארק איינגעשלאפן. די ברעטער זיינען אבער דאך הארט, דרוקן און לאזן לאנג ניט שלאפן.

ליג איך מיט אפענע אויגן אין מיטן דער נאכט אין דער פינצטערער קאמער פון דער טורמע און הער, דאכט זיך, ווי עס רעדט די טורמע פון שלאף וועגן פארברעכנס און שטראף, און טראכט: ווער זיינען די פאר־ברעכער? ווער זיינען די באשטראפטע?..

נאר אט הויבט זיך אָן אויספּיקן דער טאָג. א טונקל בלויע פארב זיפּט זיך אריין דורך דער רעשאָטקע, וואס איז איינגעפּאסט אין דער הויך איבער דער שווארצער אייזערנער טיר.

וואס וועט דער נייער טאָג ברענגען?..

עס ווערט אומדערטרעגלעך דאס ליגן אויף די האַרטע ברעטער. עס ברעכן די קריזשעס. וואו צו מאכן א שפּאַן איז נישטא קיין פּלאַץ. דאס גאַנצע קעמערל האלט בא די צוויי מעטער די לענג און איין מעטער די ברייט, איז עס אויסגעפּילט מיט די צוויי ברעטער צוגעשרויפטע צו די קאַזלעס. שטיי איך שוין בא דער טיר און קלאַפּ.

— וואס קלאַפּט איר? — באווייזט זיך א פארשלאָפן אויג מיט א שפּיץ פון א ביקס אין פענצטערל פון טיר.

— איך דאַרף אפן הויף ארויס.

דער באַמבערא איז דאס געגאַנגען מעלדן דעם שליסל האלטער און דער שליסל האלטער, א פארשלאָפענער, האט בורטשענדיק, געעפנט די טיר און געהייסן דעם באַמבערא מיך באַגלייטן.

אינם קאָרידאָר איז נאך געשטאַנען די נאַכט, א שטילע, א סודות־דיקע. פון דער רייע אייזערנע טירן האט ארויסגעשלאָגן א קאַרבלען, אויס־געמישט מיט קרעכצן און אויען. מיר זיינען ארויס אויף א הויפל, וואו עס איז שוין געשטאַנען א קילער פאַרטאָג־בלוי. דא זיינען מיר פאַרביי א טויער פון אייזערנע גראַטעס מיט א גרויסן שלאָס, וואס האט געהאַנגען אויף זיין מיט און פון די גראַטעס האט ארויסגעשלאָגן א שווערער מענטשן גערוך אויסגעמישט מיט ריחות פון בלוט און קאַרבאָל. כ'האב דערשפּירט א ניט גוטקייט און בין צוגעפאלן צום קראַן, וואס האט זיך געפינען אין ווינקל פון הויפל. צוריקגייענדיק האבן אויף די גראַטעס פון פאַרשלאָסע־נעם טויער געהאַנגען און ארויסגעקוקט א מאַסע מענטשן־מאַסקעס מיט שנירלעך בלוט אויף זייערע פאַרקרימטע, צובייזלטע און אין בלאַטע אויס־געשמירטע פּנימער. זיי האבן אלע געשוויגן, נאר ארויסגעשטעלט זייערע אויגן־שטאַרע, צעשראָקענע, וואַנזיניקע, פייערדיקע און אויסגעלאָשענע...

און אזוי איינגעהילט אין גרויל פון דעם בילד, וואס האט אנגעהויבן שווינ־דלען פאר די אויגן, בין איך צוריק אריין אין מיין קאמערל.

אין דרויסן שטייט שוין דער טאג און פון דער אייזערנער רעשאקטע, וואס איבער דער טיר זיפן זיך אויך אין קעמערל אריין אביסל טאג שטראלן.

איך לייען איבער די שורה, וואס איך האב נעכטן אנגעשריבן אף דער שווארצער וואנט: „דאס איז דער גערעכטיקייט־פאלאץ"; איך לייען זי איין מאל, צוויי מאל, פינף מאל, צען מאל, צוואנציק מאל — די ווערטער און בוכשטאבן שווינדלען און טאנצן שוין פאר די אויגן, רייצן זיך... א וויש און די וואנט בלייבט ליידיק, שווארץ... און אפן הארץ דריקט צום משוגע ווערן. דאס פיינלעכע געמיט זוך איך צו פארטרייבן מיט זכרונות, מיט לידער.

און אזוי איז אוועק נאך א טאג.

די ווייסע טאג שטראלן ציען זיך צוריק ארויס פון קעמערל, וואס ווערט אלץ טונקעלער, און טונקעלער ווערט אף דער נשמה און אף דער שווארצער וואנט... און אין קאפ מישן זיך אזוינע פינצטערע געדאנקען... נאר אט קלינגען שליסלען. עס רוקט זיך דער ריגל. עס עפנט זיך לאנגזאם, שווער סקריפענדיק, די שווערע, אייזערנע טיר, אין איר באווייזן זיך צוויי פא־ליציאנטן, בא איינעם אין האנט ווייסט זיך א פאפיר —

— קומט!

באלד איך בין אריבער די שוועל האט דער צווייטער פאליציאנט א כאפ געטון מיין רעכטע האנט און אף איר אנגעטון א קייט, לאזנדיק דעם צווייטן עק פון דער קייט אין זיין האנט און מיך א צי געטון נאך זיך. דאס בלוט האט א זעץ געטון אין קאפ. ס'האט א בליץ געטון א שרעקלעכער גע־דאנק א סוף צו מאכן צו דער קאמעדיע. כ'האב דערפילט אז כ'וועל ניט איבערטראגן די נייע באליידיקונג צו ווערן געפירט ווי א הונט אף דער קייט,

נאר איך האָב זיך ווי עס איז באהערשט, אפפרישענדיק זיך אין אייגענעם שוויים.

מ'האָט מיך ארייַנגעפירט אין געריכט־זאַל. קיינער איז דארט נישט געווען, נאר אין א ווייַלע ארום איז פון דער אנטקעגנדיקער טיר ארייַנגע־קומען דער ריכטער, וועמען איך האב ניט געקאנט קוקן אין די אויגן... באַלד איז פון א זייטיקער טיר אריין א קלייןגעוואַקסיק פארשווינדל, א טונקעלער, מיט שווארצע, גלאַנציקע, גלאַט פּארקעמטע און ווי צוגע־קלעפּטע האר מיט א שריינט. ער איז, ווי אונטערשפּרינגענדיק, צוגעגאנגען צום טיש לינקס ארויסלייגנדיק א פארטפעל —

דאס איז געווען דער שטאַט פּראקוראר, טאָרעס.

— נעמט אראפּ פון פּראַצעסירטן די קייט און שטעלט זיך הינטער אים — האָט דער ריכטער א זאג געטון צו די פּאליציאנטן ארויפגייענ־דיק צום ריכטער טיש. ער בלעטערט דעם געזעץ בוך בשעת די פּאלי־ציאַנטן האָבן אראפּגענומען פון מיר די קייט און זיך געשטעלט אונטער מיין פּלייצע. דערנאָך האט דער ריכטער אויפגעהויבן זיינע אויגן אף מיר און געזאגט:

— איר הייסט...

איך ענטפער, שוין אפשר צום טויזנטסטן מאל, ווי אזוי איך הייס, ווי אלט איך בין, וואו געבוירן, וואס געטון, ווען ארעסטירט, ווי אזוי -- אלע אזוינע פראגן און ענטפערס, וואס האָבן מיך שוין דערעסן פון אזוי פיל מאל איבערכאזערן זיי...

דער געריכט סעקרעטאר כאפּט אף יעדעס ווארט און שרייבט. דער פּראקוראר זיצט אייַנגענארעט אין די פּאפּירען פון זיין פּארטפעל. א דריי־קנדיקע שטילקייט, נאר אט קומט אריין פון א טיר רעכטס פינעדאָ מיט זיינע לאַכנדיקע אויגן, פארנויגט זיך פארן ריכטער און גייט גלייך צו צום אדוואקאטן טיש. עס באגעגנען זיך אונדזערע בליקן און איך דערפיל עפּעס אזוי ווי א דערלייכטערונג.

דער ריכטער פרעגט ווייטער:

— וואס איז פארגעקומען דארט וואו מ'האָט אייך ארעסטירט?

— א פּאגראם.

— אויף וועמען?

— אפן אינווענטאר פון דער ארגאניזאציע „אוואנגארד“.

— וואס איז דאס פאר א ארגאניזאציע?

— א אידיש־סאציאליסטישע.

— וואס האָט מען דארטן געטון?

— צעבראכן דאס מעבל, צעריסן די ביכער, דעם ארכיוו; אלץ צע־בראכן, צעריסן און פארברענט.

— ווער?

— איך האָב נאר געזען דאס פייער און דעם סקוואדראָן, וואס איז בשעת מעשה געשטאנען אויף דער גאס. דער אפיציר, וועלכער האָט מיר צומארגנס ארעסטירט, האָט איבערגעבנדיק מיך צו א צווייטן אפיציר אויף דער וואך אין קאריענטעס און פּועירעדאָן, געזאגט: „ארעסטירט פון רוסישן קאמיטעט וועמען מיר האָבן אונטערגעצונדן“...

דער ריכטער האָט א קוק געטון אפן פּראקוראר, וועלכער איז אלץ געזעסן מיט די אויגן איינגעגראבן אין זיינע פּאפּירן. דערנאך האָט ער ווייטער געפרעגט:

— האט איר זיך קעגנגעשטעלט דעם ארעסט?

— ניין.

— האט מען בא אייך געפינען געווער?

— אויב א פּען מעסערל הייסט געווער, האָט מען דאס בא מיר גע־פינען אין דער זיבעטער קאמיסאריע און צוגענומען.

— האָט מען אייך דארט עפּעס דערקלערט?

— ניין.

— און אין פּאליציי דעפּארטאמענט האָט מען אייך עפּעס דערקלערט?

— יא. מ'האָט מיך דערקלערט פאר „פּרעזידענט פון דער ארגענ־טינער סאוועט רעפּובליק“...

דער ריכטער האָט ארייגגעלאזט די אויגן אין געזעצבוך, געטראכט א ווײַלע און דערנאך געפרעגט:

— האָט איר נאָך עפּעס צוצוגעבן?

„איך וועל באַשולדיקן", איז מיר אַרויף אַ געדאַנק, נאָר באַלד האָב איך אַ טראַכט געטון: „גלייכער וואַרטן אויף דער אָפיציעלער באַשולדיקונג קעגן מיר", און ענטפער אויף דעם ריכטערס פראַגע:

— ניין. דערווייל נישט מער...

דער ריכטער האָט אַ קוק געטון צו פינעדאַן, דערנאָך צו מיר:

— ווילט איר דעם דאָקטאָר פעדעריקאָ פינעדאָ פאַר אייער פאַרטיידיקער אין דעם פּראָצעס?

— יאָ.

פינעדאָ האָט צערעמאָניאַל אָנגענומען די פאַרטיידיקונג און נאָכדעם האָט דער ריכטער געזאָגט:

— דער הער פּראָקוראָר האָט דאָס וואָרט.

ערשט איצט האָט דער פּראָקוראָר אויפגעהויבן זיינע אויגן פון די פּאַפּירן און מיט אַ קול ווי פון אַ גראַגער, האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט אויסגעצויגענע ווערטער, ווי ער וואָלט געציילט יעדן בוכשטאַב, וואָס ער שיקט איבער צום געריכט סעקרעטאַר, געניי אָנדייטנדיק וואו צו שטעלן אַ קאָמע, אַ פּאַסיקל, אַ פּונקט און וואו אָנהויבן אַ פּאַראַגראַף.

איך זיץ ווי אַ צושויער און צוהער אויף מיין אייגענעם פּראָצעס, וועלכער קומט פאָר אויף דער דרינגלעכער אַרויספאָדערונג פון פעדעראַל געריכט אין נאָמען פון „האַבעאַס קאָרפּוס" און אין דער אויסערגעוויינלעכער פאָרם פון „דעפענסאַ ען וואָס".

מיינע בליקן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן קופּערנעם שטערן פונעם פּראָקוראָר, וועלכער גראַגערט אַרויס פון זיין באַשולדיגונגס רעדע איין ליגן נאָכן אַנדערן. איך ווער באַשולדיקט אין שטערן די אָרדנונג; און ווידער שטעלן זיך מיט געווער דער פּאָליציייִשער אויטאָריטעט. און וואָרט שוין אומגעדולדיק ער זאָל צוקומען צו דער גרויסער, צו דער עיקר באַשולדיקונג: צו דער „מאַקסימאַליסטישער פאַרשווערונג"; צום דיקטאַטאָר פון אויפשטאַנד"; צום „פּרעזידענט פון דער אַרגענטינער און זיד אַמעריקאַנער סאָוועט רעפּובליק"... אָבער דער פּראָקוראָר האָט זיך אָפּגעשטעלט

דארט, וואו „איך האב זיך קעגנגעשטעלט מיט געווער דער פאליצייאי־שער אויטאריטעט" און גייט נישט ווייטער!...

אין זאל בלייבט הענגען א גרויסער פראגעצייכן. איך פיל אים אין מיינע אויגן. זע אים אין די אויגן פון אדוואקאט און זע אים אויך אין ריכ־טערס אויגן, כאטש ער האט זיי פארשטעלט מיטן האנט.

איך בין געבליבן זיצן תמעוואטע, געגלאצט אפן אדוואקאט, אפן ריכטער, אפן פראקורור, וועלכער האט אראפגעלאזט די אויגן ווי א גנב און...

איך האב געשמייכלט...

דאס ווארט באקומט דער אדוואקאט. זיין קול קלינגט דרייסט, אנ־קלאגעריש:

— די מאקסימאליסטישע פארשווערונג איז פארגעקומען אין דער קרענקלעכער פאנטאזיע פון דער בורזשואזיע און דער רעגירונג. וואס האט דער פראקורור אינגאנצן פארשוויגן די דאזיקע פארשווערונג? די „סאָ־וועטן רעפובליק", דעם „דיקטאטאר פונם אויפשטאנד" דעם „פרעזי־דענט"? פארוואס האָט ער פארשוויגן די שחיטות אף די גאסן; די פא־גראמען אין די הייזער און די עקזעקוציעס אין פאליציי דעפארטאמענט? אין נאמען פון וועלכן געזעץ האט מען אזוי פארגוואלטיקט, אזוי געשענ־דעט, די קולטור און די ציוויליזאציע פון לאנד? מיר זיינען דא איצט דער־שטוינט געבליבן פון דער קליינלעכער באשולדיקונג, וואס די רעגירונג און די פאליציי אינסטיטוציע האָט דא געמאכט דורך דעם הער פראקו־ראר און די זעלביקע דערשטוינונג וועט זיך מארגן צוטראגן איבערן גאנצן לאנד און אריבער די גרעניצן פון לאנד... שוין נישט געקענט צוטראכטן קיין וויכטיקערע זאך ווי א אומבאדייטנד, ווולגאר, קעגנשטעלן זיך מיט געווער?... ווייסט כאטש די פאליציי ווי זי האָט מיט דער דאזיקער, נייער צוגעטראכטער נישטיקער באשולדיקונג, וואס זי האָט געמאכט אזוי פאר־טאָטשעט אין דער לעצטער מינוט, צושטערט איר אייגענע „גרויסע אנ־דעקונג", איר גרויסן אויפטו צו האבן געראטעוועט דאס לאנד פון א „מאקסימאליסטישער רעוואלוציע"?...

דער פּראקוראר האלט אלץ איינגעגראבן זיינע אויגן אין די פּאפּירן און דעם אדוואקאטס קול קלינגט איבערן געריכט־זאל:

— וואס פאר א באוויזן האָט דער פּראקוראר געברענגט צו איבער־ציינגן אפילו די דאזיקע, כמעט צו גארנישט רעדוצירטע, באשולדיקונג פון קעגנשטעלן זיך מיט געווער? וואו איז זיין געווער? וואו איז דער באריכט פון דער זיבעטער קאָמיסאריע? זעט מען דען נישט, אז דאס איז נישט מער ווי א צוגעטראכטע זאך?

לאנג און העל האט נאך געקלינגען דעם אדוואקאטס קול, וואס האט באשולדיקט. באשולדיקט דער רעגירונג, באשולדיקט דער פּאליציי שעפּאַ־טור און עס האָט זיך געגאסן זיין באשולדיקונג ווי צעגאסענער בליי אפן קאפּ פון פּראקוראר.

— די ארגענטינער יוסטיץ דארף שטיין אף איר הויך. וואלדס באפריי־אונג מוז באלד דעקרעטירט ווערן.

דאס ווארט האָט ווידער באקומען דער פּראקוראר, וועלכער האָט פויל און גראָגערדיק געזאגט, אז לויט דעם געזעץ דעם און דעם דארף מען גלויבן און רעספּעקטירן דעם באריכט פון פּאליציי שעף, און אז לויט דעם באַ־ריכט קאָן נישט זיין קיין „האבעאס קארפּוס", קאָן נישט אונטערקומען דער פעדעראל געריכט; לויט דעם פּונקט פון דעם און דעם פּאראגראף פון דעם און דעם געזעץ, איז דאס א ענין וואס בלייבט אין פּאליצייאישן רשות. דער ארעסטירטער מוז דעריבער צוריק איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון דער פּאליציי שעפּאטור.

— פאר אלעם — רופט זיך אפּ פינעדאָ — באט איך שוין אין פאַ־רויס אן דעם מאקסימום געלט שטראף, וואס מ'קאָן, לויטן געזעץ, פאדערן פאר אזא שולד.

דער פּאליציי שעף קאָן וועלן דורכפירן א פארביסענער עקשנות און רויבן וואלדס פרייהייט אף נאך דרייסיק טעג. אבער דאס איז נאך נישט דער עיקר.

די דעפּוטאטן קאמער האט נאר וואס סאנקציאנירט דעם קריגס צושטאנד. די סאנקציע איז שוין איבערגעטראגן אין סענאט און ס'קאָן

זיין, אז אפשר נאך היינט באנאכט, אדער מארגן, זאל דער קריגסצושטאנד דעקרעטירט ווערן. אין אזא פאל האט די יוסטיץ מער קיין ווארט נישט, מער קיין ווערט נישט. ס'איז נישטא מער קיין געריכטלעכער שוץ און קיין קאנסטיטוציאנעלע גאראנטיע. די רעגירונג און הויפטזעכלעך די פאליציי־מאכט ווערט דער איינציקער באלעבאס און טוט וואס זי וויל. און אף וואס די פאליציי איז פעאיק זעט מען דאך: אונדזער הויפשטאט איז פארוואנדלט געווארן אין א שלאכט הויז.

נאך פינעדאס ווארט האט דער ריכטער דערקלערט דעם אקט פארגעענדיקט אן א באשלוס. דער סעקרעטאר איז נאך געבליבן שרייבנדיק ווען דער פראקוראר, צו קיינעם נישט קוקנדיק, האט צוזאמענגענומען זיינע פאפירן און זיך ארויסגעשארט פון געריכט־זאל. פינעדא איז צו צו מיר, ארויפגעלייגט זיין האנט אף מיין אקסל און א קוק טוענדיק צום ריכטער, וועלכער איז אראפגעקומען פון דער עסטראדע, האט ער איראניש געזאגט:

— „זיין עקסעלענץ דער פרעזידענט פון דער זיד אמעריקאנער סאוועטן רעפובליק" איז אוודע נישט צופרידן פון דעם, וואס עס האבן זיך שוין געענדיקט די טעג פון זיין „פרעזידענטשאפט"...

דער ריכטער האט א שמייכל געטון. דערנאך האט ער דיקטירט דעם סעקרעטאר, אז דא, אונטער זיין רשות ווערט פון מיר אראפגענומען די אומקאמוניקאציע און די פאליציאנטן האט ער אנגעזאגט נישט אנטון מיר קיין קייטן.

ארויסקומענדיק פון געריכט־זאל האבן מיר זיך אין טונקעלן קארידאר באגעגנט מיטן צווייטן אדוואקאט, מאטוראנא, וועלכער האט אויך אינטערווענירט אין פראצעס, און דעם חבר גזיוואץ.

— וואס הערט זיך?!

מען ווייס נאך נישט. דער פראקוראר פאדערט אפווארפן דעם רעקורס פון „האבעאס קארפוס"... אבער די קאמעדיע איז דורכגעפאלן. אויב דער פעדעראל ריכטער וועט אפווארפן די פאדערונג פון „האבעאס קארפוס",

אפעלירן מיר באלד צו דער פעדעראל קאמער. די קאמער־אודיענץ וועט מוזן פארקומען אין פארלויף פון פיר און צוואנציק שעה.

די גאנצע גרופע: ביידע אדוואקאטן, ביידע פאליציאנטן, וואס האָבן טאקע די קייט געהאלטן בא זיך, אבער די אויגן האָבן זיי געהאלטן אף מיר און האָבן געזעען צו גיין די נאענטסטע צו מיר; דער געריכט סעקרעטאר, דער חבר גזיוואץ און איך, האָבן געשפאנט איבער די פינצטערע קארידארן ביז מען איז אריין אין א קאנצעלאריע.

דער שלאס פון אומקאמוניקאציע האָט שוין מער אפן מויל נישט גע־האנגען. איך שטיי טאקע נאך צווישן צוויי פאליציאנטן. צווישן מיר און די אלע וואס רינגלען מיך איצט ארום, איז פאראן א אונטערשיד: זיי זענען פריי. איך — נישט, דאך פיל איך זיך באפרייט פון א שווערער זאך. עס איז א מין פרייהייט אין טורמע...

אלע שטעלן זיך ארום מיר, רעדן מיט מיר. די גאנצע קאנצעלאריע האט זיך אנגעפילט מיט א גוטער שטימונג, מיט הומאר אפילו...

אין א האלבער שעה ארום בין איך שוין צוריק אין מיין קאמערל. די טיר האָט מען נישט פארשלאסן. מ'האָט זי אפילו א ביסל אפן געלאזט.

שפעטער האט דער וואך־מייסטער אריינגעטראגן מיר א פעקל עסן. כ'האב דערקענט פון וועמען עס איז: פון קעיטין, פון ראזען! וואס פאר א שטראם שטימונגען, דערמאנונגען, דאס פעקל עסן האט ארויסגערופן!.. דאכט זיך שוין אזוי לאנג זינט יענעם שבת פרי, אז איך בין ארויס פון קעיטים שטוב... און עס הויבן אן ארויסקומען און זיך שטעלן פאר די אויגן אלע חברים, אלע פריינט, אלע באקאנטע מיט וועמען איך פריי זיך און מיט וועמען איך וויין פאר פרייד נאך אזוי פיל שרעק, וואס זיי האָבן איבערגע־לעבט. דערנאך נעם איך באקוקן דאס פעקל, באטאפן, זוכן, עפשר שטעקט ערגעץ א צעטעלע. כ'האב גארנישט געפינען. „בעסער אזוי" — זאג איך — „צו וואס זיך קאמפראמעטירן". פעלט דען דא ווער עס זאל דורכקוקן די זאכן, וואס מען ברענגט אריין פון דרויסן? נאר פלוצים פאלט דאס אויג אף דער צייטונג, אין וועלכער דאס עסנווארג איז איינגעוויקלט געווען. איך טו אזש א טאנץ פאר פרייד: שוין אזא צייט נישט געזעען קיין לעבעדיק גע־

דרוקט ווארט און דא — א גאנצע צייטונג! א שפיגל פון לעבן, פון דער ברייטער, פרייער וועלט! א צייטונג! א צייטונג!

און איך כאפ די צייטונג און דריק זי צום הארץ.

„צו ערשט די קעפּלעך" — זאג איך — „און דערנאך פון שורה צו שורה, מיט די אנאנסן אפילו! עפּעס א קלייניקייט, א צייטונג!

אין קעמערל איז טונקל. דאס פארשטויבטע לעמפּעלע האט זיך פארשטופּט דארט אין דער הויך, איבער די גראטעס, אין ווינקל, און די בוכשטאבן שווינדלען פאר די אויגן, אבער איך שלינג די ווערטער פון די קעפּלעך:

„די פרידנס קאנפערענץ".

„די רעוואלוציע אין דייטשלאנד".

„דער אויפשטאנד אין פּארטוגאל".

— אויסגעצייכנט!

ווייטער:

„אומרוען איבערן לאנד"...

די קאמערל־שטימונג ווערט ערנסטער...

„די מאקסימאליסטישע פארשווערונג"!..

וואס?.. די פּרעסע רעדט אויך פון א היגער מאקסימאליסטישער פארשווערונג... די קעפּ און די אונטער קעפּ, געגוג גרויסע, הויבן אן טאנצן פאר די אויגן.

„באלד ווי די פּאליציי האט זיך דערוואוסט פון דער פארשווערונג מיט אירע אפּצווייגונגען איבערן גאנצן לאנד און אין מאנטעווידעא, האט זי דערטאפּט די שולדיקע"..

„צווישן די ארעסטירטע „רוסן" געפינען זיך די קעפּ פון דער געפלאנטער סאוועט רעפּובליק"!..

„עס זיינען ארעסטירט: דער דיקטאטאר פון אויפשטאנד, וואס איז באשטימט געווען פארן פּרעזידענט פון דער סאוועט רעפּובליק פון ארגענטינע און פון דרום אמעריקע; צוזאמען מיט'ן פּרעזידענט זיינען אויך ארעסטירט זיין קריגס מיניסטער און זיין פּאליציי שעף"!...

איך צעלאָך זיך אפן קול און לייען ווייטער:

„באם פּרעזידענט האָט מען געפינען א גוואלדיק־גרויסע געלט סומע. געפינענע דאקומענטן ווייזן, אז ער פארמאגט גרויסע געלט־דעפאזיטן אין פארשידענע ערטער. פארמאגט אויך סקלאַדן געווער, אמוניציע און פּראָ־וויאנט“...

כ'האב געלאכט און געלייענט; געלייענט און געלאכט און זיך דערמאנט אין מיינע ארימע פינף פּעזאָס, וואס זענען דארט געבליבן אין דער שעפאטור פון די באמבעראס און עס ווילט זי אזוי א ציגארעטל און קיין איין סענט אין קעשענע איז נישטאָ.

— עך, דו, צייטונג, ווי איך האָב זיך מיט דיר דערפרייט נאך אזוי פיל טעג דיך נישט זעען, און ווי דו האָסט מיך אנטוישט! ס'איז דאך פשוט משוגעת דאס אנגעשריבענע אף דיינע גרויסע זייטן! וואס איז גע־ווארן פון דער וועלט!...

כ'האָב פּראבירט לייענען אנדערע נייעס, פון דא, פון דארט, אבער ס'האָט זיך נישט געלייענט. די צייטונג האָט זיך פארוואנדלט אין א אויס־גוס פון משוגעת. כ'האָב זי צעפּיצלט און אוועקגעווארפן.

אין דעם אויגנבליק פּראלט זיך אף די טיר. עס באווייזט זיך אין איר דער קאמיסאר.

— ווילט איר עפּעס?

— ניין.

אפשר בייטן אייך די קאמער?

— ניין. זאל שוין זיין דא. שוין צוגעוואוינט...

דער קאמיסאר האָט מיך מכבד געווען מיט א ציגארעטל און אוועק־גייענדיק האָט ער אפּגעלאזט די טיר פון מיין קעמערל...

זעכצנטער יאנואר

א נאכט פון משוגעת איז דאס געווען: די פּאליציי, דאס מילי־טער, די רעגירונג, די געזעצגעבער, דאס געריכט, די פּרעסע, די בילדונג,

— זיי אלע האבן זיך פארשיקערט, צעהוליעט, געפּראוועט ארגיעס, וואק־כאנאליעס און זיינען אוועק אין א ווילדן קאראהאָד. מ'האט געטאנצט און זיך געשלאָגן; מ'האָט געזונגען פון פרייד און געריטשעט ווי געקוילע־טע אָקסן; מ'האט געלאכט פון גענוס און געקרעכצט פון ווייטיק; מוזיק אקאָרדן האָבן זיך צוזאמענגעגאסן מיט דאס קנאלן פון ביקסן, טרעס־טשען פון צעבראכענע שויבן און וואָיען פון הינט — א שרעקלעכע משו־גענע נאכט!..

איצט קוקט שוין אריין די שטילע פארטאג דעמערונג און זאָגט אן א נייעם טאג.

וואס וועט דער נייער טאג ברענגען?..

כ'האָב געמיינט, אז אין נעכטיקן פּראצעס־אקט וועל איך שוין ווערן אוים סוד פאר זיך און פאר אנדערע, אבער דער ריכטער האָט נאר אוים־געהערט און זיין ווארט ניט געזאגט —

פאר וואס האָט ער גארניט געזאגט?

האָט ער מורא פאר דער פּאליציי? פאר דער רעגירונג? אדער אפשר האלט ער אויך מיט זיי און האט נאר געמאכט אזא פרומען אנשטעל?..

די אפיציעלע פּאליצייאישע באשולדיקונג, וואס דער פּראקוראר האָט נעכטן ארויסגעגראגערט איז טאקע א נישטיקע, א ליגנעריש־לעכערליכע, נאך אזא בלוטיקן טאראראם, אבער ווער ווייסט וואס מען איז אויסן מיט דעם?..

פארמיטיק האט מען מיך ארייננערופן אין קאנצעלאריע, דארט האבן געווארט אף מיר די חברים אדוואקאטן מאטוראנא און פינעדא. כ'האב דערקענט אף זייערע פּנימער אז קיין פריילעכע נייס האבן זיי נישט.

— וואס הערט זיך חברים?...

— אפּגעווארפן דעם רעקורס פון „האבעאס קארפּוס", חבר, אבער עס איז שוין אנגענומען אונדזער אפּעלאציע פאר דער פעדעראל קאמער. נאך היינט וועט זיין דער פּראצעס־אקט.

נאכמיטיק האָט מען מיך אריינגעפירט אין קאמער־געריכט־זאל. אין אים איז געזעסן אין שפּאנונג א פארשידן פּובליקום, וואס האט זיך א הוידע

געטון ביים אריינפירן מיך. אנטקעגן דעם פובליקום, אפגעטיילט מיט א פארענטש, האָט זיך אויפגעהויבן א עסטראַדע, אף איר איז געשטאנען א ברייטער טיש מיט דריי הויכע שטולן פאר די קאמער־ריכטער, אונטער זייערע פלייצעס, אף דער וואנט האָט געהאנגען קריסטוס אף א גרויסן טונקלען צלם. זיינען אריין די קאמער ריכטער: אריאס, קאלאדא און אור־דענאראין און פארנומען זייערע פלעצער באם ריכטער טיש. עס איז באלד אויך אריין דער פראקוראר און זיך געזעצט בא א טיש רעכטס, דער אדוואקאט פינעדא האָט פארנומען זיין פלאץ ביים טיש לינקס. אין געריכט זאל שטייט א שווערע, איינגעהאלטענע שטילקייט ביז דער מיטלסטער פון די ריכטער, דער פארזיצער, דערקלערט דעם אקט פאר געעפנט און גיט דאס ערשטע ווארט דעם אדוואקאט.

דער אדוואקאט הויבט אן זיין רעדע איינגעהאלטן, פליסטערנדיק, זי ווערט אבער פון רגע צו רגע אלץ שטארקער, קלאָרער, דרייסטער, שארפער. די שערענגע קאמער־ריכטער זיצט ווי פארשטארט מיט קעפ אויסגעבוי־גענע צו דער זייט פון אדוואקאט און עס מאכט דעם איינדרוק, ווי ער וואלט זיי היפנאטיזירט. דאס פובליקום האָט אנגעהאנגען זיינע אויגן אפן אדווא־קאט און שלינגט זיינע פייערדיקע ווערטער, בלויז דער קורצער פראקוראר מיט זיין ווייסן שרינט אפן גלאט פארקעמטן גלאנצנדיקן קאפ האלט זיינע אויגן אף די פאפירן מיט די ציטאטן פון געזעצן און אף זיין בראנדזן פנים שפילט א איראניע.

און עס רעדט דער אדוואקאט:

— אפשר האט געפעלט א טראגיש בלעטל אין אונדזער געשיכטע, האָבן מיר דאס איצט באשריבן מיט דעם בלוט פון הונדערטער מענטשן. די רעגירונג האָט זיך אויסגעמאלן אין דער פאנטאזיע א מאקסימאליסטישן אויפשטאנד, א סאוועט רעפובליק, און האט ארויסגעלאזט א ליארם, ארויס־גערופן א שרעקלעכן פאניק, מאביליזירט די גאנצע באוואפנטע מאכט פון לאנד, גערופן צו הילף אלע ציווילע אויסוואורפן און זיך געווארפן אף די איינוואוינער. און מיט א באזונדערן ווילקיר האָט מען זיך געווארפן אף דער אידישער באפעלקערונג, וועלכע מ'קאָן זעען דא פארקערפערט אין

דער פּערזאָן, וואָס זיצט פאַר אייערע אויגן, וועלכער האָט זיין לעבן איבער־געפלאַנצט אַף אונדזער ערד, צוגעטראָגן צו אונדזער שאַץ, ענערגיע, אַר־בעטזאַמקייט, אינטעליגענץ, ערלעכקייט. אונדזער רעגירונג האָט מיסברויכט מיט דער מאַכט, וואָס מ'האָט איר פאַרטרויט און נאָך צוהילף גערופן ווייַ־סע גוואַרדאַיצעס, אַף דורכצופירן אַ בלוטיקן, שענדליכן פּאָגראָם אַף דער אידישער באַפעלקערונג, פּונקט ווי וואָלד איז דערקלערט געוואָרן פאַרן מאַקסימאַליסטישן דיקטאַטאָר, זיינען אַלע אידן מיט זייערע פרויען און קינדער דערקלערט געוואָרן פאַר מאַקסימאַליסטן און מען האָט זיך אַרויס־געלאָזט אין אַ ווילדער יאַגט אַף זיי. פאַרוואָס איז מען באַפאַלן דער אידי־שער גאַס? פאַרוואָס האָט מען זיך אַריינגעריסן אין אידישע הייזער און אין זיי דורכגעפירט די אומדערהערטסטע גוואַלדזאַמקייטן? פאַר וואָס האָט מען צושטערט די רו פון די אידישע איינוואוינער, נאָך מער ווי פון די נישט אידישע, און זיי באַליידיקט, באַרויבט זייער פרייהייט, זיי געשלאָגן און פאַרפייניקט? עס גייט אין כבוד פון הויכן געריכט, פון דער יוסטיץ, וואָס דאַרף וואַכן איבער די קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס, וועלכע ווערען אַזוי הייליק פאַרזיכערט אַלע איינוואוינער פון לאַנד, צו מאַכן אַ סוף פון דער טראַגעדיע, רופן צו אָרדנונג און פאַראַנטוואָרטליכקייט דער צע־ווילדטער מאַכט און קודם כל אַרויסנעמען פון זייערע הענט די מאַרטירער.

נאָך פינעדאָס רעדע, וואָס האָט אַנגעוואָרעמט די שטימונג אין גע־ריכט זאַל, האָט דאָס וואָרט באַקומען דער פּראָקוראָר אַ שפּאַרזאַמער אין ווער־טער. אַף פינעדאָס באַשולדיקן האָט ער מיט קיין זילב נישט געענטפערט, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט. ער האָט נאָר קאַלט, גראַנגערדיק, פּאַמעלעך, מיט דער גאַנצער זיכערהייט אין זיין זיג, אַרויסגעשטעלט פּונקטן און פּאַ־ראַגראַפן פון געזעצן און באַמערקט, אַז דאָרט, וואו דאָס געזעץ שווייגט האָט די אויטאָריטעט דאָס וואָרט...

די שטימונג איז ווידער געוואָרן אַ געדריקטע. דער פּראָקוראָר פאָדערט צום סוף באַשטעטיקן די סענטענץ פון פעדעראַל ריכטער; אָפּוואַרפן דעם רעקורס פון האַבעאַס קאָרפּוס און איבערגעבן צוריק דעם באַשולדיקטן אין רשות פון דער פּאָליציי שעפאַטור.

דער פּאַרזיצער דערקלערט דעם אַקט פאַר געענדיקט. די דריי קאַמער ריכטער גייען אַוועק אויף באַראַטונג און אין געריכט זאַל בלייבט ווידער הענגען אַ פראַגע צייכן.

אין אַ שעה אַרום איז געקומען צו מיר אין קעמערל דער אַדוואָקאַט. ער האָט געזאָגט:

— דער רעקורס פון האַבעאַס קאָרפּוס איז אָפּגעוואָרפן. מיר האָבן אָבער דאָך אַסאַך דערגרייכט. מיר האָבן צושטערט דעם גאַנצן מאַנסטע־ריעזן פּלאַן פון דער רעגירונג, פון דער פּאָליצייאישער און מיליטערישער מאַכט און פון די ווייסע גוואַרדיעס. מיר האָבן אין דעם פּראָצעס געוואָר־נען די עפנטליכע מיינונג. די רעגירונג זעט איצט אויס לעכערלעך און די אויגן פון פאָלק. עס איז אַ פולשטענדיקער דורכפאַל פון דער רעאַקציע. זי איז פאַרלוירן. אַלע אַרעסטירטע ווערן באַפרייט.

— אויסגעצייכנט! עס וואַלט זיך אָבער דאָך נישט געוואָלט צוריק אַריינפאַלן אין יענע מאַרטער שטיבלעך פון פּאָליציי דעפּאַרטאַמענט און... וועט נישט דער פּאָליציי שעף זוכן נקמה פאַר זיין דורכפאַל?...

— ניין, פאַרקערט, ער קאָן זיך וועלן אַרויסשטעלן פאַר אַ קאַוואַליער: באַפרייען דורך זיינע הענט.

— אָבער אין ערגסטן פאַל, וואָס קאָן ער טון?

— גאָרנישט. איצט איז ער פאַראַנטוואָרטליך פאַרן געריכט און פאַר די אויגן פון דער ברייטער עפנטלעכקייט, וואָס קוקט אים אויף די הענט.

מיר האָבן זיך געזעגנט אין אַ גוטער שטימונג. איך האָב געפילט, אַז איך שטיי שוין נישט ווייט פון דער פרייהייט.

שפּעטער האָט מען צועפנט אַלע טירן און עס האָבן גענומען אַרויס־קריכן פון די לעבער די אַרעסטאַנטן: יונגע, אַלטע, פאַרפינצטערטע, פאַר־שמערצטע, צעקנייטשטע, פאַרבלוטיקטע, ווער מיט קליינע פּעקעלעך אין די הענט און ווער כמעט אין די אונטער־וועש. אַלע האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפן הויף. איך האָב זיך אויסגעמישט צווישן זיי. געזוכט באַקאַנטע. עס

איז זייער שווער געווען עמיצן צו דערקענען — אזוי דעפארמירט זיינען אלע געווען. איך שטעל זיך אפּ פאר א ווייס־גרויען איד מיט א לאנגער ווײַסער בארד, א גרונצלטן שטערן, א געל־בלייך פּנים מיט ריטשקעלעך פארטריקנט בלוט, בלויע, דינע ליפּן וואס ציטערן. פון אונטער זיינע לאנגע גרויע ברעמען שטארן ארויס צוויי גרויע, ווייסע, אפענע אויגן, וואס ווארפן א טויט־שיין ארום זיך. ער איז געזעסן מיט א אויסגעבויגענעם רוקן. די ביינערדיקע הענט אראפּגעהאנגען אף די ארויסגעשטארטע ציטערדיקע קניען.

— פאר וואס האט מען אייך ארעסטירט?

דער קוים לעבעדיקער זקן האט אויסגעשטעלט אף מיר זיינע כמעט טויטע אויגן און האט עפּעס געפּליסטערט מיט זיינע בלויע ליפּן, אבער קיין ווארט האט מען נישט געהערט פון זיי.

— האט מען אייך געשלאגן?

ער האט אראפּגעלאזט זיין גרויען קאפּ, וואס איז געבליבן הענגען מיט די אויגן צו דער ערד.

— פון קראנקן בעט אים ארויסגעשלעפּט — רופט זיך אפּ אן ארעסטירטער צוקומענדיק — מ'האט אים געשלעפּט איבער דער גאס צוזאמען מיט אונדז, און אזוי ווי אונדז, האט מען אויך אים מערדערלעך געשלאגן. ער איז געפאלן, געבאלעשט, האט מען אים בא דער בארד אויפגעשטעלט און ווידער געשלאגן...

עס קומט אן דער וואך־מייסטער מיט א לאנגן צעטל, פון וועלכן ער לייענט ארויס די נעמען פון די באפרייטע. דער זקן איז אויך צווישן זיי. ער קאן זיך אבער נישט רירן פון ארט. צוויי באפרייטע ארעסטירטע האבן אים גענומען אונטער די הענט, אים אויפגעשטעלט, געגאנגען מיט אים ארויס פון דער טורמע, אבער דער פארפייניקטער זקן האט מער נישט געקאנט גיין, ער איז געהאנגען אף די הענט פון די צוויי באפרייטע און האט זיך נאכגעשלעפּט. עס האט געמאכט דעם איינדרוק ווי מען טראגט ארויס א געקוילעטן...

כמעט די גאנצע טורמע האט זיך אויסגעליידיקט, בלויז דריי זיינען

מיר געבליבן אין טונקלן קארידאר, ווי מ׳וואלט אונדז פארגעסן... כ׳האב געכאפט א קוק אפן אנדערן הויף דורך די גראטעס פון אפענעם פענצטער און דערזעען ווי אינמיטן פון איבערגעפולטן הויף מיט באמבערעס און פא־ליציאנטן שטייט אן איינציקער ארעסטאנטן וואגן און עס סאפעט זיין מאטאר.

— אף וועמעןווארט דער וואגן? — האב איך א פרעג געטון דעם וואך־מייסטער, וועלכער איז צוגעקומען.

— אף אייך, פריינט! און כדי עס זאל אייך זיין פריילעכער וועלן מיטפארן די אנדערע צוויי ארעסטירטע...

— וואו אהין שיקט מען?

— צו דער פאליציי שעפאטור.

ס׳איז דורך א גרויל איבערן לייב. ווידער אין פאליציי דעפארטא־מענט... כ׳האב נאך אמאל א קוק געטון אף דעם ווארטנדיקן ארעסטאנטן וואגן און האב זיך ווי פארשעמט פארן וואך־מייסטער, וועלכער איז מיר געווארן אזוי פריינטלעך.

אין א ווײַלע ארום בין איך שוין געשטאנען ווי איינגעשרויפט אין דער דאזיקער פארנדיקער טורמע, וואו א גאנצע שעה וואלט אוממעגלעך געווען אויסצוהאלטן.

ווי א אויטאמאביל די גרויס, האט דער וואגן, א אייזערנער, אן אנגעגליטער פון באטאג, זעקס קעמערלעך: דריי אף איין זייט, דריי אף דער צווייטער זייט און א קארידארל אין מיטן, פון וואנען מען שטופט זיך אריין אין די קעמערלעך. חוץ דעם וואס דער וואגן איז פארקאוועט ארום און ארום מיט אייזן און מיט א שווערן שלאס איז פארשלאסן די טיר פון ארויפגאנג, פאקט מען דיך אריין אין אזא קעמערל, וואו דו קאנסט זיך ניט אויסדרייען, ניט ארויפזעצן זיך און ניט גלייכשטעלן, אזוי ווערסטו פאר־שלאסן און אויב דו ווערסט נישט באלד דערשטיקט, איז עס נאר א דאנק די עטלעכע שמאלינקע שפארענקעס, פארשטעלטע מיט „ברילן", דורך וועלכע עס קומט אריין א קאפעטשקע לופט, בשעת דער וואגן לויפט.

אין א ווײַלע ארום האט זיך דער וואגן אפגעשטעלט. פון דעם אײגנ־ארטיקן, פאר מיר שוין באקאנטן, באמבערישן און פאליצײיסקן טומל און געקלימפער, וואס האט זיך געטראגן ארום, האב איך דערקענט דעם הויף פון פאליצײ־דעפארטאמענט, אבער דער וואגן האט זיך אפגעשטעלט און מען עפנט אלץ ניט די טירלעך פון די קעמערלעך, אין וועלכע מ'קאן דערשטיקט בלײַבן.

עס איז שרעקלעך הײס. דער שווײס רינט איבערן לײַב ווי מ'וואלט געשטאנען אונטער א גוס־רעגן. די אויגן ווערן פארלאפן. דער קאפ האקט. עס פעלט לופט צו אטעמען און עס שטיקט. אײדער אזוי דערשטיקט צו בלײַבן הויב איך אן צו זעצן מיט די הענט און פיס אין די אײַזערנע ווענטלעך. די אנדערע אײַנגעשלאסענע פאלגן נאך. און... צום גרויסן וואונ־דער האט מען אונדז מיט גאר נישט מכבד געווען באם עפנען דעם וואגן...

און ווידער האט מען אנגעטון און אויסגעטון קײטן, ווידער פארשרי־בן אין די קאנצעלאריע ביכער, ווידער פארשלאסן אין טורמע.

די איצטיקע טורמע אפטײלונג איז געווען אין דער הויך. באם ארויפ־גאנג זיצט א גווארדיאן, וואס פארצײכנט יעדן ארעסטאנט וועלכן מען פירט ארויף. ער פרעגט מײַן נאמען. איך זאג אים, ווערט ער איבער־ראשט און די פען הויבט אים אן צו ציטערן אין די פינגער...

— מיר האבן שוין געוואוסט אז איר וועט אונדז אויך נישט פאר־שעמען... קומט מיר אנטקעגן דער נײַער וואך־מײַסטער און באלד שרײַט ער אריבער צו א פאר טורמע פאליציאנטן:

— זאל אויסגעלײדיקט און אויסגערײניקט ווערן א גוטע קאמער.

די נײַע „גוטע" קאמער, אין וועלכער איך בין איצט אריין, איז טא־קע געווען בעסער פון די פריערדיקע. גרויס, הויך, לופטיק, מיט א גרויס פענצטער, טאקע מיט גראטעס און אין דער הויך, אז מען קאן צו דעם ניט דערלאנגען, אבער דאך א פענצטער פאר ווענטילאציע און פאר גערויש, וואס קומט פון גאס. די ווענט דא האבן זיך ניט וואס צו פארשעמען פאר די אנדערע: אויך גרוי און שווארץ, און די פאדלאגע איז פון ציגל און די

טיר איז דא אויך אן אייזערנע, א שווארצע און א פארשלאסענע, מיט א קליין טירעלע אין איר, וואס פארמאכט זיך פון דרויסן און שוין. מער איז אין דער „גוטער קאמער" קיין זאך ניטא.

אין א ווײַלע ארום עפנט זיך דאס טירעלע אין דער טיר. מען רופט. עס זיינען פיר אויגן פון צוויי פאליציאנטן.

— גוטן אוונט.

— גוטן אוונט.

אין פארלויף פון מיינע וואנדערונגען פון איין קאמער אין דער צווייטער, פון איין טורמע אין דער צווייטער און פון איין קאנצעלאריע אין דער צווייטער, האבן זיך שטענדיק אונטערגערוקט פערזאנען אין אוניפארמען און אן אוניפארמען; מיר געוויזן א פריינטלעך פנים, עפעס מיר אונטערגערוימט, א ווארט אריינגעווארפן, אבער זייענדיק איבערגעפילט מיט אומצוטרוי צו אלץ און צו אלעמען און ניט וועלנדיק קיינעם קאמפראמעטירן, האב איך זיך פון אלץ אוועקגעדרייט און קיינעם נישט געענטפערט, אפילו נישט מיט א בליק. איצט איז די פריערדיקע מוראדיקע אנגעצווינגנקייט געפלאצט און עס פילט זיך א פרייהייט.

— ווילט איר מיט אונדז עפעס פלאפלען? אזוי זיך ווי מענטשן — האט זיך איינער פון די צוויי פאליציאנטן אפגערופן, בעטנדיק צונעמען בא אים א ציגארעטל, וואס איך פאררויכער בא זיין שוועבעלע דורך דעם טירעלע.

— וואס פאר א יום טוב? — פרעג איך שמייכלדיק.

— אז מיר האבן דערלעבט זען א מאקסימאליסטישן פרעזידענט, איז דאס עפעס א קליינער יום טוב? — לאכט איינער.

— איצט איז גוט. איצט קאן מען שפאסן, אבער מיט א פאר טעג צוריק האט זיך ניט געשפאסט. אונדזער לעבן האט געהאנגען אף א האר.

— אזוי מורא האט איר געהאט פאר די מאקסימאליסטן?

— וואס פאר א מאקסימאליסטן!

ער קוקט זיך ארום און מאכט שטילער:

— צווישן אונדז זאל עס בלייבן... איך האב אין דער אמתן נישט גע־

זעען קיין איין מאקסימאליסט. א כאאָס! א מוראדיקער כאאָס, צווישן מי־ליטער, באמבעראס, פאליציי און די ציווילע באנדעס. אט וואס; מען האט נישט געוואוסט וואו איין, וואו אויס. מען איז אנגעפאלן און צעשאסן איינס דאס אנדערע...

און דער צווייטער, ווי ווילנדיק ווייזן אז ער פארשטייט א זאך, רופט זיך אפ:

— און איך זאג גאר אן אנדערע זאך: איך זאג, אז די מאקסימאליסטי־שע אידעע איז גארנישט קיין שלעכטע. מען וויל מאכן אז אלע זאלן לעבן גלייך, איז דאס טאקע א גוטע זאך, נאר מ׳דארף נישט כאפן, מ׳דארף גיין מיט געדולד. נישט מיט גוואלד..

— אזוי האָט מען אונדז איינגערעדט — מישט זיך אריין דער ערשטער — מ׳האָט אונדז אף טויט איבערגעשראקן, אז די מאקסימאליסטן גייען אונדז אויסקוילען ביז איינעם, איז וואס האבן מיר געקאנט טון? איידער ווארטן ביז מ׳וועט אונדז צעשיסן, האבן מיר פריער געשאסן. איר פרעגט ועמען? מיר האבן דען עפעס געוואוסט. מ׳האט געהייסן שיסן, האָבן מיר געשאסן. און וויפיל פון אונדזערע זענען דערשאסן געווארן!

— פון די מאקסימאליסטן?..

— ווייס איך וואס! מ׳האט צושטעלט פאליציי אף די דעכער מיט דעם באפעל אפצופייערן באלד ווי מ׳וועט נאר עפעס הערן. האָט מען געפייערט פון די דעכער אראפ און פון די גאסן אף די דעכער. און ווער אף וועמען האט געשאסן? פאליציי אף מיליטער און מיליטער אף פאליציי. מ׳האָט עפעס געוואוסט א טאלק? געשאסן!...

— און איצט קלייבט מען נדבות — רופט זיך אפ דער צווייטער.

— נדבות?

— נו, אוודע! נדבות פאר דער געליטענער פאליציי, פאר די „פאר־טיידיקער פון דער ארדנונג"...

א שרעקלעכע יללה פון א שכנישער קאמער האט איבערגעהאקט אונדזער שמועס. די פאליציאנטן זיינען אוועק. די יללה האט זיך נאך געהערט ביז מ׳האט יענעם ארעסטאנט ערגעץ אוועקגעפירט.

כ'האָב זיך צוגעשפּאַרט אַף דער ציגעלנער פּאַדלאָגע און, ניט קאָ־נענדיק איינשלאָפן, האָב איך באַקוקט די לעצטע סטאַנציע אַפן לאַנגן וועג צוריק צו דער פרייהייט, צוהערנדיק זיך צום נאַכטיקן ריטם פון דער שלאָפנדיקער טורמע.

זיבעצנטער יאַנואַר

דורך די גראַטעס פון הויכן קאַמער־פענצטער, וואָס קוקט צו מזרח, טראָגן זיך אַריין בינט גאָלדענע שטראַלן, צעשפּרייטן זיך איבער דער קאַ־מער און וואַרעמען און שיינען און גלעטן דאָס האַרץ און באַהעפטן זיך מיט דער נשמה.

די טיר שטייט נאָך אַלץ אַ פאַרשלאָסענע. עס האָט זיך אָבער גע־ביטן איר קאָליר. דורכן קלינגען אירע שלעסער אַ ליכטיק געקלאַנג אונ־טער די פינגער פון דער פרייהייט...

אין דער אויפגעפּראַלטער טיר פון דער קאַמער ווייזט זיך דער וואַך־מייסטער:

— איר ווערט באַפרייט, אָבער איידער איר פאַרלאָזט דאָס הויז וויל אייך זעען דער שעף פון „אָרדען סאָציאַל". ער וואַרט אַף אייך אין זיין קאַבינעט.

— „פריי!" — קלינגט אַפּ העל דאָס וואָרט אין מיין געמיט. איך דערפיל זיך יאָנטעוודיק. גיי אַרויס אַ יאָנטעוודיקער אַפן הויף פון דעפּאַר־טאַמענט, וואָס איז אַזוי שרעקלעך געווען באַם אַריינגאַנג. אין מיטן הויף שפּילן זיך די פּאַלמען שפּיצן מיט די שטראַלן פון דער העלער זון, און באַ אַ זייט שטייט אַ אויסגעפּוצטער פּאָליציי אָרקעסטער און פון זיינע ליכטי־קע מעשענע אינסטרומענטן טראָגט זיך אַזאַ פריידיקער מאַרש — אַלץ אַרום איז יאָנטעוודיק.

אין דער טיר פון אַ פּרעכטיקן קאַבינעט באַגעגנט מיך אַ שיינער אַריסטאָקראַטישער מאַן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט —

— איך באגריס אייך!..

— ... א דאנק... אבער...

ער פירט מיך אריין אינווייניק אין קאבינעט, בעט מיך זעצן נעבן אים. איז מיך מכבד מיט א ציגאר, פאררויכערט און זאגט:

— איך זע, עס קלינגט אייך מאדנע מיין באגריסונג. דאס איז פארשטענדלעך. זי איז אבער פון הארצן... ווי אזוי זאל איך אייך דערקלערן די באדערפעניש, וואס איך האב געפילט אייך צו באגריסן איידער איר פארלאזט דאס הויז?... איר וועט מיר גלייבן, אז איך אליין האב זיך געפונען אין געפאר?... יא, עס איז אומעגלעך געווען צו באהערשן די סטיכיע... זי האט אונדז אוועקגעשטעלט אין א אומבאהאלפענער לאגע, אין א געפערלעכער לאגע... איך ווייס נישט צי איר ווייסט, אז די צייטונגען האבן געשריבן פון אייער טויט, פון אייער דערמארדונג, און אז מען איז געקומען מאנען אייער קערפער און... אנטשולדיקט פאר דער אויפריכטיקייט: איך קאן נישט באגרייפן ווי אזוי דאס איז נישט געשען, ווי אזוי איר האט דאס איבערגעטראגן... איך האב געמיינט אז איך ווער משוגע... און אפשר האב איך געהאט אזא מאמענט, ווייל באם קלארן גערדאנק וואלט מיר נישט איינגעפאלן צו לויפן צו דער שעפאטור פון די באמבעראס מ׳זאל אייך איבערפירן אין איר רשות, וואס דאס איז נישט רעגלאמענטאריש. און דער סטיכיע האט מען געמוזט פארזיכערן, אז דארט וועט מען פארענדיקן, דאס וואס זי האט אנגעהויבן... איר וועט מיר דאס אלץ נישט גלויבן. איך פארשטיי, אז איר האט גענוג מאטיוון נישט צו גלויבן, אבער איר קאנט דאך מיר נישט שטערן צו באוואונדערן דעם כח אין אייך, אן וועלכן איר וואלט אזוינע טעג און אזוינע נעכט נישט איבערגעטראגן. איך בין זיכער, אז איר וועט מיר נישט זאגן, אפילו נישט איצט ווען איר זיינט שוין אף דער זייט, א באפרייטער, דאס אלץ וואס איר האט געפילט. און וואס איר האט געדענקט אין די זיבן טעג און זיבן נעכט, וואס זיינען שוין פארביי. איך וועל אייך נאר בעטן איין גערדאנק כאטש, איין געפיל פון די וואס האבן אייך געגעבן אזא כח.

— איר וועט מיר דערלויבן א פראגע: זייט איך פארן שעף פון „אָרדען סאָציאַל"?

— דאס איז מיין אמת. אבער אין דעם מאמענט זיצט איר נישט פארן שעף פון „אָרדען סאָציאַל" נאר מיט א מענטש, וועלכער באוואונדערט זיינעם א מיט־מענטשן און באגערט כאטש עפעס געוואויר צו ווערן פון יענער וועלט, וואס א דאנטע האָט געזעען, אין דער פאנטאזיע, אין זיין „געטלעכער קאמעדיע"...

— קיין געטלעכע קאמעדיע איז דאס נישט געווען, נאר א מענטשלעכע און אויב אין מיר איז געווען א כח זי איבערצוטראגן, איז ער אוודע אויך געווען א מענטשלעכער. ס'וואלט מיר זיכער נישט איינגעפאלן צו גיין זוכן יסורים, אבער אז זיי זיינען געקומען, האָב איך זיי אויפגענומען. און האָב זיי אויפגענומען מיט א ווילן, מיט א צוועק, מיט א געוויסער נייגיריקייט... איך האב געהאט די סענסאציע פון זיין אין גיהנום, פון דורכגיין זיינע וועגן, זיינע שטעגן, זיינע פארבארגענע ווינקלען; זעען ווי ווייט מענטשן זיינען פעיק צו פייניקן מענטשן; באטראכטן די מענטשלעכע בעסטיאַליטעט, די ראפינירטע; זעען די מורא פארוואנדלט אין וואנזין און דעם וואנזין פארקערפערט אין מענטשן, וואס שטייען בא דער מאכט; און איך האָב געוואלט אויספרואוון וויפיל קערפערלעכן און גייסטיקן פיין א מענטש קאן אויסהאלטן; געוואלט אויספרואוון דאס אף זיך אליין, זעען און פילן דעם גיהנום אף דער וואר ארום זיך, אף זיך, אין זיך; דערגרונטעוון דאס פארבארגענע, דאס אומבאקאנטע, דאס שרעקלעכע, פאר וואס מען האָט אזוי מורא —

דער שמועס איז דאָ איבערגעהאקט געווארן מיטן אָנקום פון א גרופע חברים, וועלכע זיינען געוואויר געווארן פון דער באפרייונג. פריידיקע, שטראַלנדיקע, האָבן זיי מיר א כאַפּ געטון אין די ארעמס און באַלד האבן מיר זיך געטראגן, ווי אף פליגלען, איבער דער פרייער גאס, איבערן שטאָט, וואס האָט אויסגעזעען העל, יאנטעוודיק, כאטש די שפורן פון דער טראגישער וואך האבן זיך נאך אומעטום געווארפן אין די אויגן.